STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07749

DER MAN FUN LID

A. Tabatshnik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער מאן פון ליד

וועגן זישא לאנדוי

א. טאבאטשניק

ניו־יארק – ניינצן הונדערט איין און פערציק

Der Man fun Lid

The man of song

ארויסגעגעבן פֿון
פֿאַרלאַג: משה שמואל שקלאַרסקי
ניו־יאָרק, 1941

400

PUBLISHED BY FARLAG M· S· SKLARSKY
PRINTED IN THE U·S·A·
1941

איך בין דער מאַן פון ליד

איך בין אין גאַס געגאַנגען
און גאָרנישט ניט געזען,
ווי ס׳וואָלט פאַר מיינע אויגן
אַ גרויע וואַנט געווען.

ס׳איז ניט קיין וואַנט געוועזן,
דער וועג געווען איז פריי.
נאָר גאַס און לייט און הייזער
גיי איך במעט פאַרביי.

ס׳איז ניט געווען דער טרויער
וואָס האָט מיין ליכט פאַרשטעלט.
אין טיפעניש פון האַרצן
אַ קוואַל האָט אויפגעקוועלט.

און וואָס איך האָב פאַרנומען,
און וואָס איך האָב געהערט, —
צו הערן און פאַרנעמען
איז מיר געווען באַשערט.

מיין בלוט אַ שטראָם אַ טיפער,
אַ פאָדעם אָן א קנופ,
איז איינס פאַר טויזנט דורות
אי פאַר אי נאָך מיין גרוב.

כ׳האָב נאָך אייך וואָס צו זאָגן,
נאָר זאָגן וועל איך ניט.
איר זעט די לייט פון מעשים,
איך בין דער מאַן פון ליד.

ז י ש אָ ל אַ נ ד ו י

אַרום זיין בעט

אַרום זיין בעט אַ כאָר פון הייגעס עלפן,
מיט זילבער־קלאָען קלינגט זיין חברס בלויער פערד —
ער שטאַרבט, קאָלעגן; מיר קענען מער ניט העלפן,
זיין בלאָנדער קאָפּ ווערט אַש, זיין ליכטיק פּנים, — ערד.

אַ דיכטער ליבער, ליכטיקער און בלאָנדער,
דער אָוונט שליסט די בלויע לאָדנס צו:
אין בלויען שיין אָפּעליאַ און דזשיאָקאָנדאַ —
זיי עפענען פאַר אים די טויערן פון רו.

דער טשעכאָנאָווער, סטריקאָווער, בעל שם — זיי זיינען אַלע דאָ,
זאָגן תהלים, צינדן ליכט, און היטן זיין צוקאַפּנס,
און אים צופוסנס קניט די פרוי אין שאַרלאַך־רויט
פון עדגאַר אַלען פּאָ; קוזמין און קאַרלאָ גאָצי,
און ס׳רינגלען אַלעמען ארום
טויזנט ריטער פון דער בלויער בלום.

און וואָס עס קומט אין פּאָדער־הויז איצט פאָר,
וואו עס שטופּן מענער זיך און פרויען,
מיט פנימער פאַראומערט און פאַרלאָשן;
וואָס טראָגן לויט דער צייט פון יאָר
רעק, מאַנטלען, שאַלן און קאַלאָשן
איז קאַמופלאַזש, איז בלויז די גרויע בידנע וואָר.

אַזאַ לויה טרעפט בלויז איינמאָל אין א דור,
מען איז מיט אים געגאַנגען דורך אַ טאָל,
וואו הונדערט פרילינגס בליען מיטאַמאָל,
און שטראָמען, טייכן, קוואַלן, און בלויע נאַכטיגאַלן
זינגען אין אַ כאָר.

און ווען עס האָט דער לעצטער שטראַל דערברענט
האָט קאָלומבינע ווי אַ קראַנץ אַרום זיין קאָפּ פאַרבראָכן אירע הענט
און שטיל געזאָגט: — שלאָף מיין אַרלעקין, מיין בלאָנדער
זישאָ לאַנדוי,
די גרויסטע טעג האָסטו געצונדן פיאָלעט —

מען וועט דיך ניט פאַרגעסן ווי לאַנג אין אידיש־לאַנד
וועט קלינגען פריי דאָס ליד פון אמתן פּאָעט.

א. ט.

1. דער גורל פון פּאָעטן.

פאַראַנען ריטם אין דעם גורל פון פּאָעטן, דער ריטם פון אויפ־גיין און פאַרגיין, פון ווערן פאַרעלטערט און באַנייט, פון ווערן פון איין דור פאַרגעסן, און פון אַ צווייטן אויפגעלעבט.

וויפל פאַרגעסענע ווערק האָט מען שוין אַראָפּגענומען פון די פאַרשטויבטע היסטאָרישע פּאַליצעס, און מיט זיי געשטורעמט די פעסטונגען פון שאַבלאָן. וויפל דיכטער, אויף וועמען מע האָט גע־זאָגט אַז זיי זיינען אַלטמאָדיש, זיינען ווידער ארײַן אין דער מאָדע, ווידער געוואָרן מאָדערן.

די געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור ווייס פון פיל אזוינע באַנייאונגען און ווידערגעבורטן. און אויב די אידישע ליטעראַטור ווייס דערוויל נאָך ווינציק פון זיי, איז ווייל די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור איז נאָך ניט אַלט גענוג זי זאָל זיך דאַרפן אָדער קענען איבערחזרן.

עס ווייזן זיך שוין אָבער סמנים פון דער דאָזיקער „אַלטקייט". פאַר אונדזערע אויגן האָט מען רעווידירט און איבערגערעווידירט די רעוויזיע פון פּרצן; פאַר אונדזערע אויגן זיינען אויף אַ צייט אויפ־געלעבט געוואָרן די פּיאָנערן פון אידישן ארבעטער ליד, און פאַר אונדזערע אויגן ווערן אייניקע פון די „יונגע" טיילווייז פאררוקט אין הינטערגרונט.

פון דער צווייטער זייט, וויפל ביישפּילן זיינען פאַראַן אין דער געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס ווייזן ווי ווערק, וואָס מע האָט לכתחילה געהאלטן פאר נישט מער ווי לייכטע פען־שטי־פערייען, זיינען, שפּעטער, געריִמט געוואָרן ווי ערנסטע קלאַסישע ווערק, ווי ווערק, וואָס דווקא די שיחות־חולינדיקייט זייערע, די לייכטקייט און פאַרשייטקייט זייערע, איז אָנערקענט געוואָרן ווי די מאַגנאַ קאַרטאַ פון דער ליטעראַטור און די טיפסטע אָפּשפּיגלונג און העכסטע פאָרם־דערגרייכונג פון זייער צייט (באַקאַטשיאָס נאָוועלן).

וועגן פושקינס „גראַף נולין" האָט זיך אַ רוסישער קריטיקער, אין דער צייט ווען דאָס ווערק איז דערשינען, פאַרגונען צו שרייבן:

„נולין איז נול אין פולן מאַטעמאַטישן באַטייט פון וואָרט”. דאָס ערשטע קאַפּיטל פון יעווגעני אָניעגין האָט פּאָליעוואָי געהאַלטן פאַר א „שוטקע” (אַ שפּאַס). און וועגן דעם אַכטן קאַפּיטל פון דעם זעלביקן ווערק, האָט נאַדיעזשדין, אַן איינפלוסרייכער קריטיקער אין זיין צייט, (דער זעלביקער, וואָס האָט געמאַכט דעם קאָלאַמבור וועגן „גראַף נולין”) געשריבן, אַז דאָס איז ניט מער ווי „זייפנבלאָזן גע־לאָזענע פון א ממזרישער פאַנטאַזיע”.

זישאָ לאַנדוי איז איינער פון די דיכטער, וואָס האָבן דאָס מזל, צו געהערן צו ביידע קאַטעגאָריעס. פון איין זייט טייט מען אויף אים מיט דעם גראָבן פינגער, אַז זיינע לידער זיינען „אידייענלאָז”, ניט מער ווי „שוטקעס”, און פון דער צווייטער זייט מאַכט מען אים אַוועק מיט דער האַנט ווי אַ דיכטער, וואָס זאָגט שוין אפילו אויף קאַטאָוועס גאָרניט דעם היינטיקן לייענער און שרייבער, מיט איין וואָרט אַ דיכטער, ווען מען איז גנעדיק משלח „צו דער געשיכטע”.

ווי מען איילט זיך עס ביי אונדז מיט דער „געשיכטע”. ווי מיט אַ מת ערב־שבת, אַזוי יאָגט מען זיך מיט איר. ווי קלאָגט משה לייב האַלפּערן:

צען יאָר פאַרשווינדן ווי אַ קאַץ,
וואָס איבערשפּרינגט אַ צוים.

ערשט דאָ נישט לאַנג, ערשט נעכטן דאַכט זיך, האָט לאַנדוי געווירקט, גערעגט, געפירט און פאַרפירט, און שוין איז מען גרייט — און דווקא אזוינע, וועמען לאַנדוי האָט געלערנט און באַאיינפלוסט — אים אָפּגעבן אין די אַרכיוון פון דער ליטעראַטור.

אָבער די, וואָס זיינען גרייט, מיט אזויפל גרינגשעצונג און לייכטקייט, זיך צו שיידן מיט לאַנדוין, מאַכן דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית. עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען אָן דעם, וואָס לאַנדוי האָט אריינגעבראַכט אין דער אידישער פּאָעזיע, צו זען וויפל דער־פון עס צירקולירט נאָך אין די לידער פון היינטיקע אידישע פּאָעטן.

דער באַלאַדן־מאַניער, די שטיפערישע קאָקעטישקייט, די סטי־ליזירטע פרומקייט, די ראַפינירטע פשטות, שפּיל מיט פאָלקס־נוסח, דאָס לירישע איינאייגענען זיך און דאָס מאָדערן־דיכטערישע אויפ־פאַסן אייביקע קונסט־ און לעגענדן־געשטאַלטן, גראַציעזער חוזק און

די איידל־פאַרבענקטע, טרויעריק־קלוגע מאַסקע פון נאַאיווער מוזי־צירנדער פּאָעטישקייט, די גאַלאַנטע טרובאַדורישקייט, פּאָעטישע טראַציקייט, דער איפּכאָ־מיסתבראדיקער גערדיכט־אונטערגע־שטראָכענער אולטראַ־נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, און די בלווילעכע ליכטיקייט און אויפגערוימטע שוועבנדע לייכטקייט פון דער דייטש־ראָמאַנטישער טראַדיציע — דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונדז מיט לאַנדוין.

און בעל שם טוב, ניט ווי די געשיכטע האָט אים פאַרצייכנט, און ניט ווי די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אים געמאָלן, און ניט אפילו ווי נעאָ־חסידות האָט אים געטייטשט, נאָר דער בעל שם טוב פון אונדזער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע, אַ געשטאַלט איבער צייט און רוים; בעל שם, פאַרברודערט מיט אַלע לעבעדיקע און נישט לעבע־דיקע זאַכן, וועמען עס גייען נאָך, ווי אָרפעאוסן, פאַרכישופטע מענטשן, פי און ווילדע חיות; בעל שם, ווי די קווינטעסענץ פון מיסטיש־ראָמאַנטישן זשעני, ווי דער סימבאָל פון עלעמענטאַלער און עקזאַלטירטער דיכטונג, אַזאַ בעל שם טוב האָט אין דער אידישער פּאָעזיע דער ערשטער דערזען זישאַ לאַנדוי.

און דעם אַקצענט און די אינטאָנאַציעס פון דעם ריין־טאָנישן ליד האָט אין דער ריינסטער און ראַפינירסטער פאָרמע געגעבן לאַנדוי.

און איידער י. י. סיגאַל האָט געזונגען וועגן קאַריצער, האָט לאַנדוי געזונגען וועגן טשעכאַנאָווער, סטריקאָווער, נפתלי פון ראָפּ־שיץ, אלימלך פון ליזענסק.

און יאָרן פאַר גלאַטשטיינס באַרימט־געוואָרענעם געטאָ־ליד, האָט לאַנדוי אָנגעשריבן זיין ביטער־שטאָלץ און ארויסרופעריש ליד „פאַר אונדזער חרוב אידיש לעבן”.

און לאַנג פאַר מאַנגערן האָט לאַנדוי געשריבן זיינע טרובאַדור־לידער, זיינע דאָן קיכאָט און בלויע־בלום לידער. און לאַנג פאַר מאַנגערס שפּילעווודיקער, כלומרשט סיוזשעטישער, כלומרשט נאַראַטי־ווער, קלוג־אינסצענירטער ליריק, האָט לאַנדוי צווישן אַנדערס אָנגע־שריבן די באמת

זייער וואונדערלעכע מעשה פון א רבין מיט א רביצין, וועמענס נאָמען מיר טאָרן ניט מפרסם זיין צוליב אַ סיבה, וואָס יעדער איינער ווייסט.

און אז דער רבי איז אין אַלקער זייגעם
אריינגעקומען אומגעריכטערהייט —
זעט ער ביי דעם שפיגל שטייט די רביצין און פוצט זיך
זאָגט ער: „דו געפעלסט מיר אומגעצירטערהייט".

צוויי מאָל העכער איז די רביצין געוואָרן,
און ווי קלאָרער זילבער האָט איר קול ארויסגעקוועלט:
— כ'וויל אז אלעס, וואָס געפעלט מיין האַרן
זאָל אויך וואויל געפעלן זיין דער גאַנצער וועלט.

וויפל אַזוינע אַכט־שורהדיקע לידער זײַנען דעמלט געווען אין דער אידישער פּאָעזיע? לידער, וואָס זאָלן זיין אַזוי צאַרט און פּיקאַנט, אזוי איידל און סצעניש, אזוי אויפגעלייגט און פינקלענדיק קלוג.

אָבער עס האַנדלט זיך ניט וועגן איינציקע לידער לאַנדויס, עס האַנדלט זיך וועגן זיין גאַנצן דיכטערישן וועג. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס ס'איז פאַרזען געוואָרן דער זין און גייסטיקער תוך פון לאַנדויס שאַפן.

לאַנדויס לידער דאַרף מען זען אין ליכט פון דער טרובאַדורן־טראַדיציע, וואָס אין איר האָט ער אָנגעקניפּט זיין ליד; אין ליכט פון זיין „ביטדאָאיק גליק" אידעאַל און זיין שטרעבן צו „פאַרוויגן וויגן און דערוויגן די טעג צו העכסטער רו".

לאַנדויס לידער דאַרף מען זען אין ליכט פון די צילן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט; אין ליכט פון זיין וועלן זיך דערשלאָגן צו אַ פּאָעטישער פאָרמע, וואָס זאָל זיין ניט אזוי דער אויסדרוק פון דער ארומיקערווירקלעכקייט, ווי אַ באדינגלעכע טעאַטראַלע רעאַליטעט, וואָס רעגט, רייצט, פאַרווײַלט און באַרואיקט.

לאַנדויס לידער דאַרף מען זען אין ליכט פון זיין וועלן מיט לייכטע און ליכטיקע ווערטער און ריטמען פאַרשפּילן „אַ האַרץ

פאַראומערט און שווער", צעהעלן אַ טיף־מרה־שחורהדיק געמיט. דעמאָלט וועט זיך אַנטפּלעקן דער זין און די באַדייטונג פון זיין „מאַן פון לויד" דיכטונג, און די „שוטקעס" זיינע וועלן דערשיינען ווי טיפּזיניקע מאָמענטן אין אַן ערנסטער דראַמע פון אידייאישע וואַנדלונגען, אויף דעם וועג צו פולשטענדיקער „ניטדאָאיקער" פאַר־וואַנדלונג.

:: :: ::

עס איז ווייט פון אמת, אַז די „יונגע" האָבן זיך נישט ארומ־געטראָגן מיט קיין פּראָבלעמען, אָדער נישט געווען קיין „אידייען"־דיכטער. באַוואוסטזיניק אָדער ניט, צי זיי האָבן יאָ אָדער ניט געמאַכט דערפון א טוגנט, האָט יעדער איינער פון די „יונגע" זיך אַרומגעטראָגן „מיט א מכה אונטערן אָרעם", ווי משה לייב האַלפּערן האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט וועגן דיכטער בכלל. יעדער איינער פון זיי האָט אָבער אויף ז י י ן אופן זיך „ארומגעטראָגן מיט דער מכה", און אויף ז י י ן אופן געוואָלט אויסגעלייזט ווערן פון איר.

און וואָס מאַני לייב האָט דערגרייכט דורך אויסשפּיגלען זיך אין בלענדנדיקער שיינקייט, און דורך אימאַזשיניסטיש־דעקאָראַטיוון שענערן און צירן זיך אין אַלע פאַרביקייטן פון דער ערד, י. י. שוואַרץ דורך שפּעדיקן אויפגאַנג אַ פּאַרוואַרצלטער אויף דער אמעריקאַנער ערד, ראָלניק דורך זיין אויפגעצוקטן ליד און געלייטערטן געמעל, זיין וויכוח מיט דער וועלט און זיין חשבון מיט גאָט, משה לייב דורך טראַגישן גראָטעסק, בונטאַרישן פּאַטאָס און פרייען פאַנטאַס־טישן גאַנג פון אַפּאָקאַליפּטישע בילדער און זעאונגען, משה נאַדיר דורך זיין אויף טויזנטער וואונדערלעכע אופנים וואַריאירטן האַמ־לעטישן זיין אָדער ניט זיין־מאָנאָלאָג, אייזלאַנד דורך לאָזן זיך פירן פון אַ רייפגעוואָרענער זינלעכקייט,און לייוויק דורך זיין זעלבסט־הייליקן זיך פאַר אַ קרבן עולה און אַן אויפהער, טאָג איין טאָג אויס, זיך פירן צו דער עקדה — האָט לאַנדוי דערגרייכט אין אידייאישן זינען דורך עקסטאַטישן ארייגזינגען זיך אין לויטערקייט, רו און ניטדאָאיקייט, האָט לאַנדוי דערגרייכט דורך שפּיל און מאַסקאַראַד, דורך זיין ארלעקין און זיין וואונדערלעך־צאַרטן, פאַרבענקטן פּיעראָ.

איך קען ניט געבן, גאָט גיב דו
מיין קראַנקן האַרץ אַ ווײלע רו
נעם צו פון מיר באַטש פאַרן טויט,
דעם שרעק וואָס מײנע טעג באַגלײט.

2. לאַנדויס פּריסטע לידער: שרעק, פּיין און דערנער.

די לידער, וואָס זיינען אריין אין די ערשטע פּאָר צענדליק זייטן פונם בוך „לידער”, זיינען די ערשטע ווערטפולע זאַכן, וואָס לאַנדוי האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אַרום 1911. צו יענער צייט זיינען די „יונגע” שוין געווען מער ווי בלויז יונגע. זיי זיינען שוין דעמלט געווען אַ גרופּע מיט כמעט אַן אויסגעשפּראָכענער פיזיאָנאָמיע. יעדנפאַלס די עלטערע פון דער גרופּע, ווי ראָלניק, מאַני לייב, איג־נאַטאָוו, האָבן שוין דערציילט וואָס און ווי אזוי די „יונגע” טראַכטן און פילן. עס איז שוין פאַר אַ אײנגערן און באַוואוסטזיניקערן דיכ־טער, ווי לאַנדוי, געווען איבער וואָס נאָכצוקלערן, אין וואָס זיך אָפּצוגעבן אַ רעכענונג, און אויך פון וואָס זיך אָפּצושטויסן.

אין אַלגעמיין אָבער האָט אויך לאַנדוי, ווי די אַנדערע פון די „יונגע” דאַן געוואוסט פון:

איינהאַלטן דעם אָטעם, זיצן שטיל און הערן
ווי ערגעץ־וואו נעמט פאַר דער וועלט ווער נעצן פינצטערע צו שטריקן

און זעען ווי עס

וואַרפט דער שרעק אונדז זיינע בליקן.

געוואוסט פון „געפילן, וואָס זאָגן אָן טונקל”,

אַז באַלד וועט שוין אײנגאַנצן טונקל ווערן.

אויך ער האָט זיך ארומגעטראָגן מיט דער בענקשאַפט נאָך א פאַר־לוירענעם „עפּעס", וואָס וועגן אים הערט „עמעץ" ניט אויף ביך־השמשותדיק צו שעפּטשען, אַז קיין „צוריקקער" צו אים איז ניטאָ, ווייל

פאַרשלאָסן אויפן גרויסן שלאָס
געבליבן איז די קליינע טיר.

אויך ער האָט אויף פאַרשיידענע אופנים וואַריאירט דעם מאָטיוו פון „איך בין אויך אַ קינד" („פאַר די קליינע קינדערס וועגן שיקט דער ליבער גאָט אַ רעגן"), אַ מאָטיוו, וואָס איז אפשר דער סאַמע כאַ־ראַקטעריסטישער פאַר דער צייט ווען די „יונגע" זיינען נאָך געווען מער פאַרבענקטע און דערשראָקענע תהלים־זאָגער ווי תהלים־דיכ־טער.

צו דעם געמיינשאַפטלעכן, אָבער, וואָס לאַנדוי האָט געהאַט מיט די אַנדערע „יונגע", איז ביי אים צוגעקומען דער עלעמענט פון זעלבסטבאַוואוסטזיין. צו דעם אינטואיטיוון אויסניגונען אַ שטי־מונג איז צוגעקומען דער עלעמענט פון אינטעלעקטועלער זעלבסט־דערקענטעניש. צו דעם פּאַרטאַיעטן „שטיל לאָמיר אַלע פאַרשווינדן" איז צוגעקומען דער עלעמענט פון קענען שטעלן דעם דיאַגנאָז דער „קראַנקהייט פון דער צייט".

מער געוואָגט, מער אויסגעשפּראָכן און פאַטאַליסטיש האָט לאַנדוי, אין די לידער פון יענע יאָרן, אַנטבלויזט די פּסיכיק פון די „יונגע" זייער סאָציאַלע אָנמאַכט, זייער פאַטאַלע ווילנלאָזיקייט. אין לידער — מאַטאָס, לידער — קרעדאָס, האָט ער ווי פאַרסכ־הכלט דעם וועלט־באַנעם פון די „יונגע":

זיינען מיר אַלע געבוירן אָן ווילן,
זיינען מיר אַלע אומעכטיק און קליין —
לאָמיר ווי קינדער, ווי קליינע זיך שפּילן,
ווען אונדזער זון וועט אין הימל פאַרגיין. —

און אין אַן אַנדער ליד:

און ווערט אונדזער לעבן אַלץ בלאַסער,
און הערט זיך נאָר קוים אונדזער שטים,
לאָמיר זיין שטילער פון וואַסער,
זינגענדיק לידער צו אים.

אין דעם אידענטיפיצירן זיך מיט די אַנדערע, אין דעם רעדן אין נאָמען פון אַלע, אין דעם „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר", קאָן מען נישט פאַרפעלן צו זען דאָס באַוואוסטזיניקע, וואָס לאַנדוי טראָגט צו דער ליטעראַרישער אויספורעמונג פון די „יונגע". אין דעם זעלביקן גייסט פון זיך־מתודה־זיין, פון דערקענען און אַנערקענען די „קראַנקהייט פון דור", זיינען געשריבן אַ סך פון לאַנדויס דענטצמאָל־דיקע לידער. און וויכטיק ווי די דאָזיקע לידער זאָלן נישט זיין מיט דעם, וואָס זיי גיבן אונדז די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט לאַנדויס דענטצמאָלדיק געמיט, אַ געמיט וואָס דער דראַנג פון אים זיך צו באַפרייען איז געוואָרן די טרייבקראַפט, ווי אויך אָפט דער אינהאַלט פון זיינע וויטערדיקע ענדערונגען און אנטוויקלונגען, זיינען זיי אָבער ניט געווען קיין וויטערער טראָט אין דער אנט־וויקלונג פון אידישן ליד, אין פאַרגלייך מיט מאַני לייבס לידער פון יענער צייט.

די לידער האָבן פאַרמאָגט דעם פלאַטער און ציטער פון יוגנט־לעכער סענסיטיווקייט, און בכלל זיך אויסגעצייכנט מיט אייניקע מעלות פון לאַנדויס טאַלאַנט. אָבער אין זיי, ווי למשל אין דעם ליד „ס'נעמט אָוונטן . מיר האַלטן איין דעם אָטעם, זיצן שטיל און הערן", האָט אָפט געקלונגען מאַני לייבס דיקציע. אויב נישט שטענ־דיק דאָס געמיט, איז דער טאָן, דער מעטאָד געווען אַ מאַני לייבישער.

דער אימפּרעסיאָניזם פון די „יונגע" האָט אין מאַני לייבס לי־דער, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין זאַמלבוך „ליטעראַטור" (1910), דערגרייכט אַ הויכע, אויב נישט די העכסטע, מדרגה. אין די דאָזיקע לידער, דאַטירט 1907־1910, האָט מאַני לייב אויף אַ וואונדערלעכן אופן פאַרווירקלעכט ווערלענס געבאָט, אַז די מוזיק איז אַלץ, און נישט די פאַרב, נאָר דער ניואַנס איז דער עיקר.

די דאָזיקע לידער מאַני לייבס — „שטילע אָוונטשטונדן", „זי איז ביי דעם פענצטער אַ בלאַסע געשטאַנען" און די אַנדערע פון דער

סעריע — זיינען געווען און געבליבן אַ גרויסער פּאָעטישער אויפטו. און ערגעץ האָט דאָס מאַני לייב געמוזט וויסן. ווי טונקל פאַרבלויט די לידער זאָלן נישט זיין, איז ערגעץ אין זיי פאַראַן אַ הייטערדי־קייט, אַזאַ פרייִדיקע אויפוואַכונג, אַזאַ גליקלעך און זעלבסטפאַרליבט פרייען זיך מיט דער אייגענער שיינקייט, מיט דער אייגענער פול־ווערטיקער דיכטער־אַנטפּלעקונג.

ביי לאַנדוין ווידער איז דער מאָטיוו פון ליד, אין יענער צייט, נאָך עטוואָס נאַקעט, נישט אַנגעקליידט אין וויכטיקע קינסטלערישע פאָרמען. און לאַנדוי מיט זיין שאַרפן קריטישן חוש האָט דאָס גע־וואוסט. אַ סך פון דעם פּעסימיזם, וואָס הערשט אין לאַנדויס לידער פון יענער צייט, דאַרף צוגעשריבן ווערן צו דער נאָגנדיקער אומצו־פרידנקייט מיט זיך.

אָבער דער עלעמענט פון באַוואוסטזיין, פון אַנאַליז, פון קריטיק, מיט וועלכע לאַנדוי האָט באַרייכערט די פּאָעטישע דערפאַרונג פון די „יונגע", איז אים אויך בייגעשטאַנען בשעת זיין רעאָריענטירן זיך, בעת ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּשטויסן פון זיי, כדי קאָנטיקער, אייגנאַרטיקער און זעלבסטשטענדיקער ווערן.

אין דער אמתן האָט לאַנדוי פון שטענדיק אָן פיינט געהאַט ווידוי־לידער. לידער פון זעלבסט־פּייניקונג און קרענקלעכקייט. די לידער פון „שרעק", פון „דערנער", פון קריסטוס־ליבע, האָבן אין גרונט ניט האַרמאָנירט, ניט מיט זיינע עסטעטישע השגות, און ניט מיט זיינע פּאָעטישע אַמביציעס. אין תוך גענומען האָט לאַנדוי נישט געוואָלט געהערן צו יענע, וואָס קענען „גרויערהייט פאַרגיין שווייגנדיק אין פּיין". גיכער האָט ער געוואָלט געהערן צו די, וואָס גאַרן און בעטן:

באַטש אַ רגע פאַרן טויט,
באַטש ביים שוואַרצן קברס שוועל,
איבער אונדז דיין ליכט צעשפּרייט
די נשמות מאַך אונדז העל.

און אָן ספק, האָט ער געהערט צו די, ביי וועמען, וואָס שוואַכער עס ווערט דער אָנהאַלט אין לעבן, אַלץ גאַרנדער, דינער און אויסגע־

איידלטער ווערן די גלוסטונגען, ווערט דער טעם אין זאַכן. און עס איז אָט דער אויסגעאיידלטער טעם אין זאַכן, וואָס ברענגט לאַנדוין עטוואָס שפּעטער צו דעם כאַראַקטעריסטישן שפּרוך זיינעם:

ביז עס קומט די לעצטע שעה
איז אזויפיל פריידנאָך דאָ.

אַ שפּרוך, וואָס אין אים איז ווי פאַרשיפרירט לאַנדויס שפּעטערדיקע לעבנס־און־דיכטונג־חכמה.

עס האָט אָבער גענומען אַ היפשע צייט ביז לאַנדוי האָט אויף אַ ריין דיכטערישן אופן געקאָנט אָנהייבן צו פאַרווירקלעכן זיין קרעדאָ; ביז ער האָט מיט אַן אמתן גענומען זען אויף יעדן טראָט „וואונדער, וואונדער פון זיין גנאָד"; ביז דאָס ליד האָט אים גענומען דינען ווי אַ באַשווערונגס־שפּרוך אויף אריינצוברענגען זיך אין „וואונדערבאַרן געמיט"; און ביז ער האָט מיט דעם כוח, וואָס עס פאַרמאָגט דער דיכטער, „דער רעגירער און באַשערטער פון אַלע ווער־טער", געקאָנט שאַפן אילוזאַריש „נישטדאָאיק גליק", און פון דער מאַנאָטאָנער וואָר, וואָס האָט אים ארומגערינגלט, שאַפן אַ ווירק־לעכקייט פון לויטער שפּיל.

דער בונט קעגן „פּאָעזיע"

פריער האָט לאַנדוי דורכגעמאַכט א בונט קעגן זיך, קעגן „פּאָע־זיע", און קעגן דער פּאָעטישער פּאַראַפערנאַליע, וואָס האָט צווישן די „יונגע" דאַן געהערשט. אין אַ ליד פון יענער צייט שרייבט ער:

יאָ, צו לידער מוז אין קוימען פייפן ביז דער ווינט,
די געליבטע מוז נאַאיוו זיין ווי א קליינטשיק קינד,
אָבער מיר צו וואָס?

שורות, וואָס קלינגען ממש ווי אַ פּאָלעמיק מיט מאַני לייבן. אמת, אין דעם „בונט" האָט לאַנדוי דערוואָרבן שטריכן, וואָס זיינען שטענ־

דיק געבליבן קאַנטיק אין זיין דיכטונג, אָבער ניט דאָס איז דעמלט געווען ביי אים דער עיקר. דער עיקר — איז געווען צו געפינען עפּעס א טריוק, אַ פּאַרטל, אויב נישט קיין מעטאָד, וואָס זאָל אים, אויב נישט אָפּטיילן, איז אויסטיילן צווישן די „יונגע". אים איז געגאַנגען אין געפינען עפּעס אַ וועג, וואָס זאָל אים ארויספירן פון דעם לאַנגווייליקן קרייז פון מאַנאָטאָנע סוביעקטיוויזמען און אַנ־מאַכט־מאַטיוון. ווידער אַמאָל אָנמאַכט און מאַנאָטאָניע, און אָבער אַמאָל מאַנאָטאָניע און אָנמאַכט. מיט אַ געפיל פון אמתער ניט־גוטקייט רופט ער אויס אין איין ליד:

ארום אַלץ טעמפּער, גרויער
און נאַריש מידע טעג —
וואָך אויף ידו טיפער טרויער
באַשיין כאַטש דו דעם וועג.

און ער האָט זיך גענומען ראַטעווען פון די „נאַריש־מידע טעג", ניט אַזוי דורך „טיפן טרויער", ווי דורך זעלבסטשפּאָט, זעלבסט־פּאַראָדיע, און דורך אַזוינע גראָטעסק־פּאַרטראַכטע, אינסצענירטע לידער ווי „אויסגעגאָסן אויפן דיל" (ז. 58); „אָט אזוי, אזוי, אזוי, אזוי" (ז. 64), וואָס טראָגן דעם כאַראַקטער, וואָלט איך געזאָגט, פון סימבאָלישע און אַלעגאָרישע אַקטן. עפּעס ווי ער וואָלט גע־וואָלט אין די דאָזיקע לידער (באַזונדערס אין דעם צווייטן פון די דערמאָנטע, וואו עס קומט פאָר דער בייט צווישן אים און זיין שאָטן אויף דער וואַנט) רעאַליזירן אין אַן אַלעגאָרישער סצענע דעם בונט קעגן אַלץ, וואָס אים איז דערעסן, סימבאָליזירן די אומצופרידנ־קייט מיט זיך, דאָס ווילן אוועק פון זיך און פון די „נאַריש־מידע טעג". דורך בילדער אָפּשיזירטע — שיעור נישט אַבסורדישע, אָבער נישט אָן קאָמישן עפעקט — הייבט ער אָן צו פאַרטרייבן דעם לאַנגווייל, הייבט ער אָן פּרוּאוון צו באַלעבן זיין ליד, און מיט דער איראָניע ווי פאַרענטפערן זיין האָפענונגסלאָזע שטימונג:

איך וואָלט געקויפט אַ פערד, ווען איך זאָל קענען רייטן,
און רואיק וואָלט איך זיך געלאָזן אין מיין וועג.

אזוי וואָלט איך געפּאָרן טריט ביי טריט באַגלייטן
די שטאַרבנדיקע טעג.

און ווען מיין לעצטער אָוונט וואָלט זיך אָנגעצונדן,
און אויף דער מידער ערד, וואָלט זיך מיין נאַכט געשפּרייט —
צוזאַמען מיט מיין טרייען פערד וואָלט איך פאַרשוואונדן
פון קיינעם נישט באַגלייט.

„איראָניע”, שרייבט אַ באַקאַנטער עסעאיסט, „איז אַ מין אייגנאַרטיקע חכמה, דער באַדינג פאַר אינטעלעקטועלן גלייכגע־וויכט. עס איז אַ מין אינטעלעקוטעלע גימנאַסטיק, וואָס מאַכט דעם אינטעלעקט בויגעוודיק, און פאַרהיט אים פון אויסקריסטאַליזירן זיך אין שטרענגע און פאַרגליווערטע פאָרמען”.

און אין אָט אַזאַ איראָניע, וואָס איז „אייגנאַרטיקע חכמה און דער באַדינג פאַר אינטעלעקטועלן גלייכגעוויכט”, האָט לאַנדוי גע־נומען זוכן אויסלייזונג, אויב נישט פון „שטרענגע פאָרמען”, איז על כל פנים פון שאַבלאָנען.

אַנשטאָט זיך אונטערגעבן די שטימונגען, אַנשטאָט פאַרצווייפ־לונג, אַנשטאָט „שווייגנדיק פאַרגיין אין פּיין”, אַנשטאָט שעפּטשען „עמעץ”־תפילות און זיך מתוודה זיין אין נישט באַגאַנגענע זינד, הייבט ער אָן באַהעמיש־וואוילעריש צו לעצעווען, און אָפּחוזקן פון דער ערנסטקייט מיט וועלכער ער און אנדערע נעמען אויף די ערד־מיקעווירקלעכקייט. אין דעם ליד מיט דעם באַדייטפולן נאָמען „עפּילאָג” (אפשר עפּילאָג צו די דערנער־מאָטיוון?) שרייבט לאַנדוי:

ווייל ס'האָט אזוי געמיין פאַרשוויגן מיך די פּרעסע,
און וואָס איך עס אויף מיטיק שרייבט זי קיינמאָל ניט —
דערפאַר קען איך ביז איצט נישט קריגן קיין מעטרעסע
און נידעריקער נעמט אַלץ פאַלן מיין קרעדיט.

און וואָס אַ טאָג נעם איך אין חובות טיפער זינקען,
אומזיסט נאָך מעצענאַטן שפּריט איך אויס די הענט: —
אַ גליק וואָס כ'קען „מאַרטעל'ס” דערלויבן זיך צו טרינקען,
און שוואַרצע קאַווע קאָסט אינגאַנצן פינעף סענט.

וואָלט קאַווע טייער זיין — וואָלט איך זיך אויפגעהאַנגען,
און דיכטער גלייך צו מיר איז גאָרנישטאָ קיין סך!
דאָך ווי דער פּרייז שטייט איצט — מיט הערלעכע געזאַנגען
קען איך מיר גליקלעך מאַכן אונדזער פֿאָלק און שפּראַך.

מעגן זיך אַנדערע איצט לוסטיק מאַכן איבער אַזאַ „פּאָעזיע־לאָז“ און „אידייענלאָז“ ליד. דאָס דאָזיקע ליד אָבער, אין טאָן און דיקציע, איז געווען א נייעס, און אַ וויכטיקע נייעס, אין דער אידישער פּאָעזיע פֿון יענער צייט. און גאָר אַ סך דיכטער, אפילו צווישן די שפּעטערדיקע אינזיכיסטן, האָבן צו פֿאַרדאַנקען דער „פּראָזע“ און דער „אינערלעכער פּרייפּערזישקייט“ פֿון דעם „עפּי־לאָג“ פֿאַר אַ צאָל פֿון זייערע לידער.

אָבער נאָך וויכטיקער איז דאָס ליד פֿאַר לאַנדויס אייגענער אַנטוויקלונג. עס איז געווען דער ערשטער פּרוּאוו זיינער „איינ־צורעזשיסירן“ מיט זיך שפּיל־זשעסטן און מאַסקן־גרימאַסן; דאָס ערשטע פֿאַרביק שטיקל בגד אויף דעם וועג צו דער קאָמעדיע פֿון מאַסקעס.

אַ לעבעדיק קול הערט זיך אין דעם ליד. אַ לעבעדיק באַוועג־לעך געזיכט קוקט ארויס פֿון די שורות. ער האָט געביטן דעם אופן פֿון זיין פֿאַרהאַלטן זיך צו דער ארומיקער וועלט, און געפֿונען דעם טריוק, דעם טאָן, וואָס האָט אים געגומען אויסטיילן צווישן די פּאָעטן פֿון זיין דור. אַנשטאָט זינגען מיט פּאָעטישע רמזים אין אוניסאָן מיט כל הנערים, ווי,

פֿון זיינע טריט בלויז ווידערקלאַנגען
אַ שוואַכער אָפּשיין פֿון זיין בליק;
ווער ס'איז אַמאָל אַוועקגעגאַנגען
קומט קיינמאָל מער שוין נים צוריק, (ז. 13)

נעמט ער רעדן מיט אַ פֿול מויל געשמאַקער „פּראָזע“:

דינסטיק

צוויי הייסע גלעזער טיי מיט מילך האָב איך אויסגעטרונקען,
אַ דריי־פיר צוויבאק אויפגעגעסן,
דערנאָך בין איך אַ לאַנגע צייט בײַם טיש געזעסן,
געראַיכערט און געקוקט מיר אויפן נאָגל פון דער וואַנט,
פיר לידער איבערזעצט פון דייטש,
אַ מידער אויף דער סאָפע זיך אַוועקגעלייגט,
ארום דעם קאָפּ די הענט פארלייגט
און דריי מאָל צו דעם באַלקן אויסגעשפּיגן,
מיר איז געוואָרן אַזוי שווער
פאַרוואָס דער זומער איז פאַרגאַנגען,
איך וואָלט דאָך איצט שפּאַצירן מיר אין פּאַרק געגאַנגען,
צי גאָר אין שטוב געכאַפּט מיר פליגן.
און נאָך אַמאָל האָב איך צום באַלקן אויסגעשפּיגן.
און אַלע דריי מאָל ניט געטראָפן.
דערנאָך בין איך מיר איינגעשלאָפן.

אָט די דאָזיקע לויז־געבונדענע, אָבער זאַפטיקע לידער לאַנדויס, זיינען נישט געווען קיין סתם עזות. הינטער דער „שקאָצישקייט" איז געשטאַנען נישט נאָר דער פאַרלאַנג צו שאָקירן, נאָר פיל מער: דער פאַרלאַנג איינצושטודירן מיט זיך די עס־אַרט־מיך נישט־פּאַזע בנוגע זאַכן, וואָס האָבן אים גראָד צומשטאָרקסטן געאַרט. עס איז אין זיי געווען אַ פּראָטעסט, נישט נאָר קעגן דער סביבה, נאָר אויך קעגן דעם אייגענעם אופן פון רעאַגירן אויף דער סביבה.

אין די דאָזיקע לידער האָט לאַנדוי געהיילט זיין צעוואונדיקט „דערנער"־געמיט, פאַרהאַרטעוועט זיין יוגנטלעכע היפּערסענסעטיווקייט, און געזוכט בייצוקומען אין זיך די מרה שחורה און דעם בלינדן שרעקן פאַרן לעבן, וואָס האָבן אָנגעפילט זיינע פריערדיקע לידער מיט אייגנטאָניקייט און געדראָט אים צו האַלטן צוגעבונדן צו איין מאָטיוו.

אָנשטאָט צו רעאַגירן אויף זאַכן מיט איינטאָניקע געבעט־ און קלאָג־לידער, צעשטרייט ער זיך און זיינע קאָלעגן מיט לידער ווי

לייכטע פעליעטאָנען, און הייבט זיך אַריבער איבער זאַכן מיט דעם איינגעשטודירטן איראָנישן שמייכל פון קולטיווירטער אַפּאַטיע.

אין די לידער פון דעם מין האָט זיך לאַנדוי געלערנט נישט נאָר שרייבן, נאָר אויך קלוג זיין. ער האָט אָנגערירט זאַכן, וואָס האָבן אים ווײ־געטאָן קאָנקרעטער און האָט דערפילט, אז זיי לאָזן זיך „אָוועקשאַרן מיט דעם פוס״.

אָנשטאָט פּרעפּלען פּרום מיט פאַרגלייזטע אויגן, ווי אין אַ טראַנס, האָט ער גענומען פּשוט רעדן. רעדן קלאָר, ניכטער, פּראָזאַיִש, און זיין געמיט איז געוואָרן לייכטער און די פערזן באַטעמטער.

לאַנדוי האָט זיך אָבער ביי דעם פּונקט נישט אָפּגעשטעלט. ער איז צופיל זינגער געווען, ער זאָל געווען קענען זיך באַנוגענען מיט דעם האַלב־פּראָזאַאישן ליד. ער האָט צופיל ליב געהאַט די טראַדיציאָנעלע זינגעוודיקייט פון דעם ספּאָנטאַנעם אינטואיטיוון ליד, צופיל בכלל געגלויבט אין ליד, אַז די פאַרלייקענונג פון ליד, אפילו ווען דאָס האָט אים געהאָלפן זיך אויפהייבן מיט א שטאַפּל העכער, זאָל אים געווען קענען לאַנג באַפרידיקן.

די פעליעטאָנען־לידער זיינען דעריבער בלויז איין עטאַפּ אין לאַנדויס שאַפן, בלויז אַ פאָרשפּיל צו אַ מער פאַרטיפטער און לעגיטימער דיכטונג, צו אַ פולערן און רייכערן פּעריאָד אין זיין שאפן. דאָס מיינט נישט, נאַטירלעך, אז דער „פעליע־טאָן״ איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון לאַנדויס שפּעטערדיקע לידער. ניין, עס איז אויף שטענדיק פאַרבליבן דאָס חן־פּינטעלע פון לאַנדויס פּאָעזיע.

וויפל לאַנדוין זאָל ניט געווען האָבן געלאָקט די ראָל פון „האַלבן קלאָון״, האָט אים נאָך מער געלאָקט די ראָל פון דעם אינספּירירטן דיכטער און „עסטעט פּאַר עקסעלאַנס״. וויפל לאַנדוי זאָל ניט האָבן ליב געהאַט צו „לצעווען״ (שוין בלויז צוליב דעם אַליין, וואָס דאָס האָט אים געמאַכט אַנדערש פון מאַני לייבן), האָט ער אָבער מער ליב געהאַט צו זינגען.

דער אייגנטלעכער קינסטלערישער אידעאַל לאַנדויס, אפילו דאַן ווען ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן אייניקע מאַנעריזמען פון די עלטערע „יונגע״, איז געווען און געבליבן אַ ליד, וואָס זאָל זיין וואָרהאַפטיק און דאָך דערמאָנען אין חלום, אַ ליד געבויט אויף לעבנספּראָזע און זאָל דאָך אָטעמען מיט ריינער פּאָעזיע; אַ ליד, וואָס זאָל

ניִשט נאָר „אָננעמען”, נאָר אויך זינגעוודיק דערהייבן „וואָס דער טאָג שיקט צו”. מיט איין וואָרט, דער באַגער נאָך פולערן יום־טובדיקן ליד האָט אים ניִשט געלאָזט לאַנג ווײַלן ביי זיינע „לאַנג־ווייל”־לידער, ביי זיינע שפּיי־צום־באַלקן פּאָזעס. עס האָט אים גערופן דאָס עקסטאַטישע ליד און דאָס „לאַנד פון פרידן”:

איך גיי צוריק

איך גיי צוריק צום לאַנד פון פרידן,
פאַרבלייבן דאָ קען איך ניט מער,
איך טראָג מיט זיך אַ קאָפּ אַ מידן,
מיין האַרץ פאַראומערט איז און שווער.

אין אַלעם וויל איך זיך פאַרגעסן,
וואָס איז געוועזן איז פאַרביי.
אַמבראָזיאַ וויל איך ווידער עסן,
און נעקטאַר טרינקען פון דאָס נײַ.

כ׳וויל מיטן מזל זיך ניט קריגן,
וואָס ס׳גיט דער טאָג, דאָס נעם איך צו, —
פאַרוויגן וויגן און דערוויגן
וויל איך די טעג צו העכסטער רו.

3. וואונדערבאַרע פּערזן אין לאַנד פון פרידן.

לאַנדויס „צוריקגיין” צום לאַנד פון פרידן, די געמיט־ און סטיל־ ענדערונגען, דאָס אָנהייבן אין לידער צו רעאַליזירן די איבערצייגונג, אַז

ביז עס קומט די לעצטע שעה
איז אַזויפיל פרייד נאָך דאָ,

איז ניט פאָרגעקומען אָן דעם איינפלוס פון די סאַמע נייסטע שטרע־ מונגען אין דער אייראָפּייאישער פּאָעזיע פון יענער צייט.

באַזונדערס האָבן אויף אים שטאַרק געווירקט די רוסישע פּאָסט־ סימבאָליסטן, די אַקמעאיסטן און קלאַריסטן, און צווישן די צווייטע האָט אויף אים געהאַט די גרעסטע ווירקונג זיין באַליבטער פּאָעט מיכאַאיל קוזמין.

די פּאָסט־סימבאָליסטן, וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן די קאַ־ נאָנען פונם מיסטישן סימבאָליזם, האָבן אין זייערע לידער און מאַני־ פעסטן געפּריידיקט און געפאָדערט קלאָרקייט, געשטאַלטיקייט און „געטריישאַפט צו די בלומען פון דער פריילעכער ערד” (מיכאַאיל קוזמין).

אין זייער זוכן אַ טראַדיציע־אָנשפּאַר פאַר די פּאָעטישע פּרינציפּן וואָס זיי האָבן ארויסגעשטעלט, האָבן די פּאָסט־סימבאָליסטן זיך מער אָריענטירט אויף די וועלטלעכע טרובאַדורן, ווי אויף די רעליגיעזע פּאָעטן פון מיטלאַלטער, מער אויף וויאָנען, ווי אויף נאָוואַליסן, מער אויף די פראַנצויזישע פּאַרנאַסיסטן, ווי אויף ווערלענען.

אייניקע פון די פּאָסט־סימבאָליסטן האָבן אין זייערע לידער קול־ טיווירט ריינעם עסטעטיזם און העדאָניזם, און דעם אידעאַל פון שטוביקער אינטימקייט און פרידלעכקייט. אַנדערע ווידער, ווי גומיליאָוו, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אקטיוון „קאָנ־ קויסטאַדאָרישן” ריטער־גייסט. אָבער אַלע האָבן זיי זיך געאייניקט

אויף דעם, אַז די פּאָעזיע דאַרף ברענגען „אַ נייע זאַכלעכקייט" און ערדישע פריידיקייט.

אין זיין מאַניפעסט „וועגן דער שיינער קלאָרקייט" (געדרוקט אין „אַפּאָלאָן", 1910), האָט קוזמין אַנטקעגן „די קינסטלער, וואָס ברענגען דער וועלט כאַאָס, גרויל און גייסטיקע צעריסנקייט" גע־שטעלט „די קינסטלער, וואָס ברענגען דער וועלט זייער אינערלעכע גאַנצקייט און לויטערקייט". ער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז עס איז „אַן עסטעטישער, מאָראַלישער און רעליגיעזער חוב פאַר מענטשן, און באַזונדערס פאַר קינסטלער, צו זוכן און געפינען פרייד און פרידן אינעווייניק, אין זיך, און פון די פאַרנעפּלטע הייכן זיך אומקערן צוריק צו דער גרינער ערד".

די קלאַריסטן האָבן אריינגעבראַכט מער קלאָרקייט אין לאַנ־דויס שטרעבונגען. זיי האָבן אים געהאָלפן גרינטלעכער זיך צו באַפרייען פון זיין „דערנערדיקייט", עמעץ־רמזים, און אומפּראָדוק־טיוון יאוש.

דורך זייער דינען אַפּאָלאָנען „מתוך שמחה" האָבן זיי אים געוויזן דעם וועג צו אַן אייגענער טראַדיציע, דער טראַדיציע פון חסידישן ענטוזיאַזם און עקסטאַז. לאַנדוי האָט דעם קלאַריזם פאַרחסידישט און פאַראידישט. קוזמינס עצה „נישט טראַכטן און נישט קלערן" האָט ער באַגרינדעט מיט דעם, וואָס „פון טראַכטן און קלערן ווערט דאָס האַרץ דיר ווערן קאַלט".

אויב קוזמין האָט מיט זיינע „לופטיקע און ליבע קליינינקייטן" געוואָלט אויסמאָלן אַ וועלט פון פּאָעטיזירטער און סטיליזירטער פיליסטערישקייט, האָט לאַנדוי מיט די „קליינינקייטן" געוואָלט וויזן ווי אזוי אפילו אין די ענגסטע דלד אמות, אין די קלענסטע זאַכן און אַלטעגלעכסטע געשעענישן, קען קומען צום אויסדרוק די פאַר־הערלעכונג פון דער שיינקייט, וואָס פילט אָן די וועלט.

אין לאַנדויס צוריקקער צום „לאַנד פון פרידן", אין לאַנדויס „אָננעמען פאַר ליב, וואָס דער טאָג גיט" איז פאַראַן נישט נאָר פּאָעטישער, נאָר אויך רעליגיעזער תוך. די גרינע און פריילעכע ערד איז פאַר לאַנדוין געווען נישט נאָר שיין, נאָר אויך הייליק. די ליבשאַפט און „געטריישאַפט" צו אירע „בלומען" זיינען דורכגע־

דרונגען נישט נאָר מיט זינלעכקייט, נאָר אויך מיט זעלישער פרייד. וואָס קוזמין האָט אָנגערופן „קלייניקייטן", האָט לאַנדוי אָנגערופן „מיינע זעליקייטן".

„געפינענדיק פרידן אינווייניק, אין זיך", און זיך „אומקערן פון די פאַרנעפּלטע הייכן צוריק צו דער גרינער ערד", האָט פאַר לאַנדויען גע־מיינט נישט נאָר אַראָפּלאָזן זיך פון דער הייך, נאָר אויך זיך אויפ־הייבן פון דער נידער, ארויסטויכן פון „דעם ים פון שרעק". עס האָט געמיינט וואַך און פול ווערן מיט „פאַרלאַנגען פלאַמען", אויסגלעטן „דעם טיף־צעקנייטשטן שטערן" און מיט התלהבות זיך צעזינגען:

> איך פיל אין יעדן ריר
> אַ גוטע ווייטע פרייד.

און מיט „ווערטער וואונדערבאַרע דינע, לייכטער מאַכן דאָס געמיט" און דערזען

> אַזוינס, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט געזען,

און דערשפּירן אַז

> אַלץ צו וואָס דו רירסט זיך צו, איז פרייד, און פרייד, און פרייד.

די נאָענטע רעטונג

דעם מאָטיוו פון „פרייד און פרייד און פרייד", דעם „ווי וואויל איז, און וואויל איז און וואויל" האָט לאַנדוי קודם אויסגעדריקט אין אַ צאָל פּשוטע כמעט אומפּאָעטישע לידער. דאָס זיינען לידער, וואו ברעקלעך אַלטעגלעכקייט און געוויינטלעכקייט ווערן מיט כמעט אַ רעליגיעזן געפיל פאַר דאָס איינפאַכע וואָכעדיקע אין לעבן, אויפגע־קליבן און איינגעראַמט אין פערזן פאַר געדענק־בילדער.

די דאָזיקע לידער, „אַ גרויסע פור מיט האָלץ האָב איך געקויפט

און צעזעגט"; „די ברייטע העל פּאַרגראַזטע געגנט האָט אויפגע־שמעקט אין שטוב ביי מיר"; „ס'איז הייס אין שטוב"; „פּאַראַנען לייט, וואָס ווילן שטענדיק רייזן"; און אַנדערע פון דעם מין האָבן אין זיך עפּעס פון סימבאָלישער טװאונג, פון רעליגיעזן ריטואַל, ווי דער דיכטער וואָלט געוואָלט דורך די לידער זיך טיפער באַהעפטן מיט דעם פּשוטן און באַשיידענעם. דאָ איז די פּאָעטישע אָדער אומפּאָעטישע פּשטות אַ דרך, אַ תיקון. חוץ דעם איז דאָס אַ ווייטערער טראָט אין דעם באַפרייען זיך פון שאַבלאָנער רעטאָרישער פּאָעזיע.

אין דער צייט ווען לאַנדוי שרייבט די דאָזיקע לידער — און שפּעטער אפילו — פאַלט ער אָפט אריין אין זיינע פריערדיקע יאושדיקע אויסגאַנגלאָזע שטימונגען. אָבער אויך אין די לידער, וואו די יאוש־רעצידיוון קומען צום אויסדרוק (ווי „ס'איז קאַלט", ז. 79, „וואָרהאַפּטיק", ז. 89) הערט נישט אויף פאַר אים צו שוועבן דאָס געשטאַלט פון דעם, ווענענס

האַרץ איז אַ נעסט בלויז פאַר פרוידן,
ער זינגט און ווערט קיינמאָל מיד.

אַלץ זעלטענער אָבער ווערן די יאוש־שטימונגען, און אַלץ אָפטער און גאַנצער גערעט לאַנדוין זיך דורכצודרינגען מיט פרייד און „ווייסער רו":

אַ ווייסער פעברואר . . .

אַ ווייסער פעברואר! אין אונטן דיינע
קאַלט און שנייאיק איז, אָבער איך
האָב ליב שפּאַצירן גיין און פילן ווי די פיס מיינע
טרעטן אויפן האַרטן שניי. איך גיי אזוי ארום
שעה איין, שעה אויס און פיל ווי ס'ווערט
מיין האַרץ אומענדלעך גרויס
און וואונדערבאַר . . .
און גלויב, אַז אויב ס'איז נאָענט דאָ פאַר מיר ווי אַ געפאַר

איז נענטער נאָך די רעטונג דאָ
אָ, פעברואַר!

און אין אַ צווייטן פולערן און קינסטלערישן פעברואַר־ליד שרייבט ער:

פעברואַר אָוונט

אָוונט. ענדע פעברואַר.
דער ווייסער שניי באַדעקט דאָס הויז און גאַס און טראָטואַר.
אַ ליכטיקייט, וואו נאָר די אויגן גרייכן.
אַ רו, וואָס קאָנסט מיט קיין זאַך נישט פאַרגלייכן.
אַ רו, וואָס אָנגעצויגן איז און שטויף —
ציטערט דורך דער וועלט און דורך מיין האַרץ.

דער ווינטער איז שוין רייף. די שפּיצן פון די ביימער
מיט שניי באַלאָדן אינעם ווינט זיך ליכט באַוועגן.
און קוקנדיק אויף זיי פון וויטן דוכט זיך דיר, אז דו פאָרסט
אויפן ים,
און מיט אַמאָל א מחנה מעוון קומט אַנטקעגן.
אָ, שניי, אָ מעוון. אָוונט! פעברואַר!
ס'איז ריין מיין האַרץ, און ווייס איז הויז און גאַס און טראָטואַר.

אין דעם ליד איז שוין פאַראַן ניט נאָר באַגער, דערוואַרטונג, נאָר אויך רעאַליזירונג. דאָס איז עכטע מאָלערישע ליריק. הינטער דער לויטערער מאָלערישקייט — עכטער עקסטאַז. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ בלויז די ערשטע מדרגה. דער ערשטער עטאַפּ אין דער זעלבסטאיבערדערציאונג און פאַרוואַנדלונג. ווען עס געלינגט אים ענדלעך איינגאַנצן און מיט אַן אמת דערפילן דאָס „האַרץ אומענדלעך גרויס און וואונדערבאַר", שאַפט ער די בעסטע און לויטערסטע לי־דער פון דעם פעריאָד וואָס פאַר די קאָמעדיעס פון מאַסקעס, און דער „גאָלדענער האַרף".

דאָס זיינען די לידער „היינט אָוונט", „עס איז ניט קאַלט", „אַ קליינער פאַרק מיט ווייניק ביימער", „אין קעלער", „מיין ליבער ר. אייזלאַנד", „אָקטאָבער", „א הימן", „דער הייליקער בעל שם", „א

יולי פרימאָרגן", „מלכא שבת", „גלידער" א.אז.וו. דאָס זיינען פּאָעטיש פולע, אָפט זינלעכע, אָבער מערסטנס מילדע, צאַרטע און קלוגע — לידער פון אַ פולן האַרצן, פון האַרץ, וואָס איז באמת שיעור נישט „אומענדלעך גרויס און וואונדערבאַר".

אין די דאָזיקע לידער קומט לאַנדוי צו אַ פולן קעגנזאַץ צו זיינע פריסטע לידער, ווי ער וואָלט געמאַכט א פולן קרייז ארום זיין אייגענער אַקס. דער דיכטער, וואָס האָט אונטער דעם איינפלוס פון צופעליקע קריסטלעכע שטימונגען, געשריבן, אַז זיין „קעניגרייך איז ניט פון דיזער וועלט", וואָס האָט אַנדערש ניט געוואָלט, נאָר אַ וועלט פון אַבסאָלוטע ווערטן, „וואו קיין איינציק בלימל ווערט נישט פאַרגעלט", האָט געפונען אַ וועלט פון רעלאַטיווע און דאָך פולע ווערטן אין „לאַנד פון פרידן" — צווישן די נאָענטע פיר ווענט פון אייגענעם הויז:

גייסט צו צום ווייב, דיין טרייען ווייב,
ליגסט אויף איר אַקסל לייכט דיין האַנט אַרויף
און מיט דער צווייטער גלעטסטו אירע האָר,
און זאָגן ווילסטו איר אזויפיל גוטע רייד,
דאָך זאָגסטו ניט קיין איינציק וואָרט,
נאָר גייסט צוריק אויף דיין אָרט
און קוקסט פון פענצטער דיר ארויס.
די נאַכט איז טיף, די שטערן זיינען גרויס
און רואיק שפּרייט דיין האַרץ זיך אויס.

(„הײנט אָוונט". ז. 72)

ניט אומעטום אין די לידער איז די פאָרם, אָדער אפילו בלויז די פערזן־טעכניק, אַ גוטע. צוזאַמען מיט אַזוינע פול־אָטעמדיקע שורות, ווי די לעצטע צוויי פון דער געבראַכטער ציטאַטע, טרעפן זיך שוואַכע, וואַקלענדיקע פערזן. וואָס עס מאַכט אָבער די לידער באַזונדערס ווערטפול, איז וואָס אין זיי ווערט צום ערשטן מאָל רעאַליזירט לאַנדויס אידעאַל פון אינטימער, געלייטערטער פרידלעכקייט, און וואָס אין זיי ווערט ענדלעך קינסטלעריש פאַרווענדט די דורך־דער־צייט־דערוואָרבענע איבערצייגונג, אז קיין שום דרויסנדיקע

קראַפט קען נישט מאַכן „די נשמות העל״. דאָס קאָן געטאָן ווערן בלויז דורך אויפשלאָגן אין זיך אַ קוואַל פון אינערלעכער גליקזעלי־קייט.

און וויפל גייסט, וויפל דערהייבנקייט, וויפל אינערלעכן געזאַנג און עקסטאַז דאַרף מען פאַרמאָגן צו קענען פון „ליבע און לופטיקע קליינינקייטן״ שאַפן אַזאַ עקזאַלטירט ליד:

אין יולי מאָרגן

גליך ווי ביים דאַווענען דעם בעל שם געזיכט —
אין פריען יולי־מאָרגן שטראַלט די געגנט.
אַלץ טונקט זיך אין גאָלד און פיאָלעטן ליכט
און מיט א זוניקייט דיין ערשטן טראָט באַגעגנט.

די טאָכטער אויפן אַקסל. שפּאַנסט און שפּאַנסט.
און דיינע אויגן זיי קוקן נישט, זיי שוועבן.
און פלוצים דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דיינעם אַנסט:
עס האָט אַ זין, אַ טיפן זין דיין לעבן.

די טאָכטער פלאַפּלט וואָס, דו גייסט און גייסט.
ס׳איז ליב אזוי אין גראָז און טויאיקן דאָס שפּאַנען.
ס׳איז גוט אזוי, וואָס איטלעך גליד דיינס פילט און ווייסט:
ס׳איז אויך דער וועלט אי זין אי פרייד פאַראַנען.

עקסטאַז, וואָס איז דאָס געמיינשאַפטלעכע, וואָס פּאָעזיע האָט מיט רעליגיעזקייט, דרינגט אויך דורך די לידער „איז דער הייליקער בעל שם טוב אין פעלד אומגעגאַנגען״, „עס איז נישט קאַלט״ און ענלעכע לידער. דער געבוי פון די דאָזיקע לידער איז ווי אין דעם ציטירטן ליד „אין יולי מאָרגן״: דאָס סענטענציעזע ווערט באַלאַנ־סירט דורך זינלעכן און בילדלעכן. ווי אין ליד „אין יולי מאָרגן״ איז אין זיי אי פרייד, אי זין, אי חסידישער ברען פאַראַנען. דער פאַרלאַנג נאָך דערהייבנקייט, נאָך אינערלעכער גליקזעליקייט שלאָגט זיך דורך אפילו דורך די דעקאַדענטישע טענער. אפילו די שטאַרק־

אָנגעפּאַרבטע עראָטיש־דעקאַדענטישע ליידנשאַפטן פאַרמאָגן אַן אי־דייאישע באַזינונג. טריי צו דער חסידישער טראַדיציע זיינען די ליידנשאַפטן בלויז אַן אָנרעגונג צו עטוואָס, וואָס איז טיפער און העכער.

אַזוי למשל פאַרענדיקט זיך דאָס דעקאַדענטיש־עראָטישע ליד „מיט וויפל טרויער קוקן פרויען אויגן" מיט די דאָזיקע שורות:

און אָפטמאָל לייכטן אין דיין וועלט דער גרויסער,
פון צוגעזאָגטן לאַנד די ווייטע זונען.
און ס'איז די פרוי צו יענעם לאַנד דער טויער —
אַז וואויל איז דעם, וואָס האָט דעם וועג געפונען.

און אפילו אין דער דאָזיקער „שאָקירנדער" סטראָפע פון דעם ליד „הימן"

דערוויל איז גוט מיר אויף דער ווערענדע
אַרום די בערג — ווי זיילן טויטע רו,
און גוט איז מיר, וואָס איך בין זישאָ לאַנדוי,
און גוט איז אַלעס, וואָס איך טראַכט און טו!

הערט זיך דער עקסטאַטישער אויסרוף, פילט מען נישט נאָר בראַוואַדאַ, נאָר בפירושדיקע גייסטיקע אויפגערוימטקייט.

דער עקסטאַז גיט לאַנדויס לידער זייער פרייען, אינספּירירטן פלוס פון טאָנישע אַקצענטן, זייער כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון *געזאַנג אין גאַנג*, זייער שטראָמיקייט, וואָס ציט אייך מיט. אויך דריקט זיך אויס דער עקסטאַז אין לאַנדויס לידער אין דעם, וואָס אין זיי איז פאַראַן מער דינאַמיק ווי פּלאַסטיק. נישטאָ אין זיי קיין דעטאַליזירטע שילדערונגען, קיין מעטאַפאָרישע איבערגעלאָדנקייט. דאָרט וואו פאַרן פּלאַסטישן דיכטער איז אַ מוז צו שילדערן, איז פאַר דעם עקסטאַטישן דיכטער געגנוג בלויז צו אינטאָנירן, אָנשטאָט ווייזן, איז גענוג מיט דער גע־העריקער באַגייסטערונג און מיט דעם פּאַסיקן זשעסט אָנצוצייגן.

אין דעם ליד „עס איז נישט קאַלט" סוגעסטירט אַזאַ אויסדרוק למשל ווי:

אין הימל שווימט דאָרט אַ לבנה
און שטערן לויכטן איבער מיר

מער ווי אַ שטייגער די דאָזיקע שורות פון יהואשס ליד „שלמהס רינג״:

זעצט זיך דאָרט אַוועק דער מלך
פלעכט דער שימער פון לבנה,
ווייסע קרענץ אויף זיינע שלייפן
גליען פייכט די גרויסע אויגן.

כאָטש אין דער ציטאַטע פון לאַנדויס ליד איז גאָרניט נישט „געמאָלן״, נאָר בלויז באַטאַנט, בלויז אין דינאַמישן גאַנג פון ליד מיט אַן עקזאַלטירטן זשעסט אַנגעוויזן. און די יהואש־ציטאַטע איז אָנגעפּראָפּט מיט מאָלערישע דעטאַלן.

איין און איינציק דורכגעלויכטן וואָרט, איינגעגלידערט אין דער שורה אזוי, אַז דער אַקצענט, וואָס וועט אויף אים פאַלן וועט דאָס פאַרוואַנדלען אין אַ זשעסט, ווייזט מער ווי די גענויסטע און באַלאַדנסטע שילדערונגען.

בכלל, סיי די פריערדיקע, סיי די שפּעטערדיקע כאַראַקטעריסטישע לידער לאַנדויס ווירקן און באַגייסטערן ניט מיט די בילדער אָדער אימאַזשן, נאָר מיט דער אינערלעכער עקזאַלטאַציע און מיט די זשעסטן, וואָס זי, די עקזאַלטאַציע, איז מתחייב. לאַנדויס מעטער איז ניט קיין אויסגעהאַלטענער. איין פערזנמאָס פליסט אָפט אריין אין אַ צווייטער. אָבער היפּערנדיק איבער זילבן, הערט נישט אויף שטראָמיק־פריי צו קלינגען די מעלאָדיע פון לאַנדויס ליד. עס איז די באַזונדערע מייסטערשאַפט לאַנדויס, וואָס משה נאַדיר האָט אזוי טרעפלעך און בילדלעך כאַראַקטעריזירט ווי „זישאָס וואונדערלעכע הינקען אויף געזונטע פיס״.

דער עקסטאַז, וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון אינערלעכע גייסטיקע ענדערונגען און פאַרוואַנדלונגען העלפט לאַנדוין צו דער־הייבן זיין ליד אויך קינסטלעריש צו אַ העכערער מדרגה. בשעת אין לאַנדויס פריערדיקע לידער האָט זיך געפילט אָרימקייט אין

פלאַסטישע מיטלען, ווערט דאָס אין די עקסטאַטישע לידער פארגײ־טיקט דורך עקזאָלטירטע אינטאָנאַציעס, פארשארפטער עמפינד־לעכקייט, און וויזיאָנערישע אויסרופן, וואָס זיינען כאַראַקטע־ריסטיש פאר דעם עקזאָלטירטן ליד:

עס איז נישט קאַלט

עס איז נישט קאַלט, דאָך מיינע גלידער
נעמט דורך די דינע אָוונט־קעלט;
איך גיי ארום אַ ליכט־פאַרטראכטער
אין פייכטן, ליימיק־וויכן פעלד.

אין הימל שווימט דאָרט אַ לבנה
און שטערן לויכטן איבער מיר.
דאָך וואָס באַרואיקט און עס טרייסט מיך,
לאַמטערן געלע, דאָס זיינט איר!

אַ מענטשנס האַנט האָט אָנגעצונדן
און היט די גאַנצע נאַכט איך אָפּ.
אָ, פאַרלאַמטערנדיקע טאָלן,
איך לאָז צו אייך זיך איצט אַראָפּ.

דער ווינט באַוועגט די קליידער מיינע,
דער ווינט בלאָזט קיל מיר אין געזיכט,
און אין מיין האַרץ איז אויפגעגאַנגען
אַ גרויס און וואונדערבאַרעס ליכט.

דער מאַן פון ליד און דער מאַן פון גלויבן.

אַ וויטערער, יעדנפאַלס אַ שפעטערער טראָט אין לאַנדויס שאַפן זיינען זיינע משפחה־לידער, „די בלויע בלום", „דאָן קיכאָט"

און „רביים־באַלאַדן". זיי שטאַמען פון דעם זעלביקן קוואַל, וואָס די פריערדיקע, נאָר דאָס געפיל, געדאַנק ווי אויך די קרעדאָס פון די פריערדיקע לידער זיינען דאָ מער אָביעקטיוויזירט און מער גע־שטאַלטיקט. אַזוי למשל אין דעם ליד „די סטריקאָווער רביצן" ווערט די וועלט פון קליינע לויטערע פריידן געשילדערט, אָנשטאָט געזונגען,

די באָבע שפּאַנט אַרום אַ שטראַלנדיקע,
חן־גריבלעך חנדלען זיך אין איר געזיכט.
און ס'בלאַנקט דער טיש מיט פּאָרצעליי און זילבער,
און אין מאַסיווע לייכטער ברענען גראָבע ליכט.

מען האַלט זיך אַלץ אין גרייטן, ס'איז דער ערשטער סדר.
מיר, קינדער, אָבער זיצן שוין ביים טיש פון לאַנג;
מיט לויכטנדיקע אויגלעך, וויגן מיט די פיסלעך,
עס סקריפּעט אונטער אונדז די לאַנגע באַנק.

אין אַטלאַס און אין פּערל גייט אַרום די באָבע,
און ווי א שעמעוודיקע כלה קוקט זי אויס:
עס זיינען היינט צום ערשטן מאָל צוזאַמען
די קינדער און די אייניקלעך ביי איר אין הויז.

זי קוקט אויף אונדז און קנעט די הענט אָן אויפהער
און ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך פאַר פרייד,
און מיטאַמאָל אַנטלויפט זי גאָר אינגאַנצן,
קומט באַלד צוריק און טראָגט וואָס אין איר קלייד.

זי גיט אַ וואָרף, און אויפן טיש געפאַלן
אודאי הונדערט כוסות זיינען מיט אַמאָל.
— „איך וויל איך, קינדער גאָלדענע, ניט ציילן" —
קלינגט מיט דעם זילבער גלייך דער באָבעס קול.

אָבער אויך דאָ איז די דערמאָנונג אינספּירירט פון דער הויפּט־שטרעבונג און בענקשאַפט, וואָס איבערוועלטיקט אים אין יענער

צייט: די שטרעבונג צו אַ לויטערן געמיט, וואָס גייט איבער אין עקסטאַז.

אין די לידער ווידער וועגן זיינע חסידישע אבות און דאָן־קי־כאָטן ווערט רעאַליזירט און געשטאַלטיקט יענע פערזענלעכקייט, וועמעס „הארץ איז אַ נעסט בלויז פאַר פריידן, ער זינגט און ווערט קיינמאָל ניט מיד". דאָס איז די פערזענלעכקייט, וואָס קען זיך אויסטאָן פון דער וועלט און מיט דעם כוח פון גלויבן און איינביל־דונג שאַפן פאַר זיך אַ וועלט פון אילוזיעס, וואָס איז רעאַלער פון יעדער וואָר. דאָס איז די פאַרהערלעכונג פון דעם כוח פון גלויבן און איינבילדונג, וואָס דערגייט ביי די וואָס זיינען געבענטשט מיט אים, ביז העלזעערישקייט, ביז דעם קענען אויף יעדן טראָט זען „וואונדער, וואונדער פון זיין גנאָד". און אין דעם פרט האָט לאַנדוי ניט אָפּגעטיילט חסידות פון אנדערער רעליגיעזער מיסטיק. ניט אומזיסט פלעגט לאַנדוי וועלן, אז מען זאָל וויסן, אז דאָס ליד „איז דער בעל שם טוב געגאַנגען", האָט ער לכתחילה אָנגעשריבן וועגן דעם הייליקן פראַנציסק פון אַסיזי. ער האָט זיך געפילט נאָענט אין גייסט מיט יעדן איינעם, וואָס האָט געקענט באמת „ניטדאָאיק" חלומען. אים האָט אינספּירירט דער סטריקאָווער, וואָס האָט דעם כוח „אַ שאַר צו טאָן אַלץ מיט דעם פוס", און דער טשעכאַנאָווער, וואָס „האָלט ווי אַן אָדלער אין דער שטייג די אָרעמס אויסגע־שפרייט" און מיט וועמען ער אידענטיפיצירט זיך אין צורוף:

> אַ, ר' אברהם טשעכאַנאָווער,
> איך האַלט ווי דו די אָרעמס אויסגעשפּרייט!

און אים אינספּירירט דאָן קיכאָט, וואָס קען זאָגן:

> ווי אָפט פלעגט זיך מיין שטוב פאַרוואַנדלען
> מיין קליינע שטוב אין אַ טורניר.

און וועמען עס אַרט ניט צי:

> איז דאָס אין חלום אַלץ געשען,

האָב איך דערפון געחלומט בלויז?

נאָר עס אַרט אים, וואָס עס קענען:

אויף וואָר אומזיסט פאַרגיין
די טעג. („דאָן קיכאָטס קלאָג ווערטער", ז. 368)

דאָן קיכאָט און דער סטריקאָווער, בעל שם און פראַנציסק פון אַסיזי, זיי זיינען די וואָס קענען זיך אויפהייבן איבער דער וואָר, וואָס קענען אויסברייטערן די גרענעצן פון דער ערד, וואָס קענען אַ „קליינע שטוב פאַרוואַנדלען אין אַ טורניר". און דער „מאַן פון ליד", ווי לאַנדוי האָט גערופן דעם דיכטער, ווער איז ער אויב ניט איינער פון דער זעלביקער משפחה? דער דיכטער ווי לאַנדוי האָט אים פאַר זיך און פאַר אַנדערע אין אַ שפּעטערן ליד פאָרגעשטעלט, איז פאַרטראָגן, עקזאַלטירט, אינספּירירט און דערהייבן:

דיכטונג

די נאַכט האָט אויפגעמאַכט די ריגלען,
און די לבנה שווימט ארויס.
האָס פלאַך לאַנד און די גרינע היגלען
זיי לויפן מיילטווייז פאָראויס.

ער גייט. מיט אים צוזאַמען גייען
די ריחות פון אַ שאַרפן קוואַל.
ארום אים ווייטע ווערטער ווייען
און רוישן ווי אַ וואַסערפאַל.

און וואָס די ווייטע ווערטער זאָגן,
און וואָס די נאַכט זינגט אין איר ליד,
האָט זיך אין שטיקער ליכט צעשלאָגן,
און וואַלגערט זיך ביי זיינע פיס.

ער גייט ווי ער וואָלט לייכט געשוואומען,
און וואָרט און נאַכט, און קלאַנג און שיין
האָט ער געצויגן אויף זיין גומען,
ווי דאָס געווען וואָלט אַלטער וויין.

און זיינע חושים נעמען וויינען
פון ליבשאַפט גרויסער און פון גליק: —
וואָס אותיות און ווערטער מיינען
אַנטפּלעקט האָט אים אַן אויגנבליק.

די פינגער הייבן אָן צו קנעטן
פון זילבן ווערטער און געמיט,
איין וואָרט נעמט זיך צום צווייטן בעטן
אין לויב פון קומענדיקן ליד.

די נאַכט האָט אויפגעמאַכט די ריגלען,
אין הימל פּיטערט זיך דער לאַם,
דאָס פלאַך־לאַנד שלינגט איין אַלע היגלען,
די ערד באַוועגט זיך ווי דער ים.

עס איז גענוג צו פאַרגלייכן דאָס דאָזיקע ליד וועגן דיכטער און דיכטונג מיט דעם ליד „איז דער הייליקער בעל שם טוב געגאַנגען״, צו זען וויפל „דער מאַן פון ליד״ ווי אַ דערשיינונג אין ספערע פון גייסט איז נאָענט מיט דעם בעל שם טוב — דעם מאַן פון גלויבן.

„דער מאַן פון ליד״, אין פּראָצעס פון שאַפן, דערהייבט זיך צו רעליגיעזער עקזאַלטאַציע, צו השתפכות הנפש; און דער מאַן פון גלויבן, אין פּראָצעס פון רעליגיעזן השתפכות הנפש, דערהייבט זיך צו קינסטלערישקייט, צו וויזיאָנערישן געזאַנג.

און ווען מען דערקענט די דאָזיקע גייסטיקע קרובהשאַפט צווישן „דעם מאַן פון ליד״ און דעם מאן פון גלויבן, דערקענט מען דעם זין פון לאַנדויס ד י כ ט ן . (דיכטן, ווייל דאָ רעדט זיך וועגן דעם פּראָצעס און ניט רעזולטאַט), דערזעט מען וויפל עטישן לעבנסזין עס פאַרמאָגט לאַנדויס עסטעטיזם. דער עיקר פון דער דאָזיקער עס־

טעטישקייט איז ניט אזוי קונסט לשם קונסט, ווי שאַפן לשם וואַך זיין. שאַפן ווי די העכסטע מדרגה, צו וועלכער דער מענטש קען זיך דערהייבן און וואָס איז אַ ציל פאַר זיך, ווייל אין פּראָצעס פון שאַפן ווערט מען אי אויפגעלייזט, אי אויסגעלייזט. שאַפן, — ווי דער דאָזיקער באַגריף האָט זיך מאַניפעסטירט אין לאַנדויס פּאָעטיק, איז די ריינסטע עקזאַלטאַציע, דאָס אינערלעכע פריי־ווערן, דאָס דער־הייבן זיך איבער דער באַגרענעצטער גרויער וואָר מיט איר רוימלעכ־קייט און צייטלעכקייט און פילן אין זיך בלויז דעם פלוס פון ריינעם דויער, פון „ניטדאָאיק" גליק. אָט פאַרוואָס לאַנדוי האָט געפּריידיקט דאָס „ריינע ליד", ווייל בלויז דאָס ריינע ליד איז אי דער אויס־דרוק, אי דער סטימול פון דער דאָזיקער העכסטער עקזאַלטאַציע.

אויך אין די אַנדערע לידער, וואָס לאַנדוי האָט געשריבן אין יענ־נער צייט, — די גרעבלעכע, וואוילערישע לידער, לידער פון פאַר־שייט־מאַסקירטער צניעות און דעקאַדענטישער עראָטיק — זיינען, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, קיין אויסנאַם ניט אין דעם פּרט. ניט אָפּשטעלנדיק זיך בפרטיות אויף דער פאָרמעלער און סטיליסטישער זייט פון די לידער, וועט דאָ גענוג זיין צו באַמערקן, אַז די דאָזיקע לידער וועגן „ווייבער וואָס שפּירן זיך", „חזרישע עק־לעך", און אנדערע פון דעם מין, זיינען בלויז די צווייטע זייט פון דער זעלביקער מטבעה — דער נעגאַטיווער מאָמענט אין דעם אי־בערווינדן און באַוועלטיקן די גרויע וואָכעדיקע מאָנאָטאָניע פון לעבן. זיי זיינען די באַקכאַנאַלישע פּרעלודיע צו דעם ריינעם עקס־טאַז.ביידע מאָמענטן העלפן לאַנדוין זיך דערהייבן איבער דעם פלאַך פון לעבנס־פּראָזע. איינער — דורך ווירקלעכער דערהייבונג און אינספּיראַציע, דער צווייטער — דורך רייצן די חושים, דורך סאַטיר־גרימאַסן און קלאָונישן איבערקרימען די ווירקלעכקייט. אויך לאַנדויס מלחמה־לידער זיינען ניט עפּעס אַנדערש ווי, אַ מין, וואָלט איך זאָגן, חסידישע פּליעסקען מיט די הענט, כדי זיך אריינצור־ברענגען אין אַ צושטאַנד פון התלהבותדיקער צעזונגענקייט.

דעם קריגערס האָרן

בשעת דער וועלט־מלחמה, באַזונדערס אין אירע ערשטע חדשים, איז די אייראָפּייאישע פּאָעזיע, געוואָרן קראַנק אויף מלחמה־פיבער.

וואָס דער־אזוי־גערופענער „סאָציאָלאָגישער עקוויוואַלענט“ אָדער „קלאַסן־אינהאַלט“ דערפון זאָל ניט האָבן געווען, אין אַספּעקט פון דיכטערישער ספּעציפיק, איז דאָס קודם כל געווען אַן אויסדרוק פון וועלן זינגען דאָס ליד פון ענטוזיאַזם און פון מעסיאַנישע דערוואַרטונגען, וואָס האָבן דעמלט ארומגעכאַפּט געוויסע אינטעלעקטועלע קרייזן. די מלחמה־לידער זיינען ביי די דיכטער פון דעם „עלפאַנטנביין־טורעם“, געווען א מין וועלן זיך אויסקויפן פון זייערע יחידישע זינד פאַר דער אויפגערודערטער צייט, אַ מין וועלן זיך אַריינוואַרפן און זיך דורכדרינגען מיט דעם ברויזנדן שטראָם, וואָס האָט געטראָגן פעלקער און לענדער צו אַ געהיימען גורל, צו „אַ ראַנדעוואו מיטן טויט“.

אין רוסלאַנד, למשל, האָבן די מער סאָלידע, די באַיאָרטע סימבאָליסטן, ווי וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוו, געגריסט די מלחמה ווי אַן אַפּאָקאַליפּטישע פאָרשפּיל צו קריסטוסעס צווייטן קומען אויף דער ערד, ווי די חבלה־לידה צו וואונדערלעכער וועלט־אויסלייזונג און באַנייאונג. די פּאָסט־סימבאָליסטן, ווידער, האָבן אין דעם קריג געזען דעם צוריקקער פון העלדישן ריטערלעכן עפּאָס, דאָס אומקערן זיך פון יענע צייטן, ווען דיכטער זיינען געווען קריגער און האָבן געזונגען: „ליבער ווי עסן און טרינקען, ווי דער פרילינג מיט זיינע בלעטער, בלומען, און מיט זיין געזאַנג פון פייגל ——— איז מיר דאָס גיין אין קריג“ (פון אַן אַלטן טרובאַדורן ליד). אָבער סיי די ערשטע, סיי די צווייטע האָבן אין דער מלחמה געזען פאַר דעם דיכטער אַ קוואַל פון אינספּיראַציע, ווי אויך אַן אויפמונטערדיקן און גייסט־אַקטיוויזירנדיקן כוח. אַפילו אַזאַ סקעפּטיקער, און ווי ער אליין האָט זיך אָגערופן „געפּרואוווטער“, „איסקושאָניאי“) דיכטער ווי סאָלאָגוב, האָט אין אַ פאָררעדע צו אַן אנטאָלאָגיע פון מלחמה־לידער, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט, געשריבן: „די מלחמה איז די גרעסטע אָנשטרענגונג פון ווילנס־ענערגיע, איז צווישן די סאַמע וויכטיקסטע מיטלען, וואָס עס באַנוצט דער שיקזאַל פון די פעלקער צו דערגרייכן זיינע ווייטע צילן. אריינציענדיק אין איר שטראָם אַלע לעבעדיקע כוחות פון לאַנד, קען די מלחמה ניט ניט־רעגן די פּאָעטן. ווי די ליבע, וואָס באַוועגט וועלטן און הערצער, אַנטפּלעקט די מלחמה אַלץ, וואָס איז פאַרבאָרגן אין די נשמה־טיפן, און די לידער, אינספּי־

רירט פון איר, זיינען פּאָלקלאַנגיק ווי ליבע־לידער". און גומיליאָוו האָט געזונגען:

И поистине светло и свято
Дело величавое войны,
Серафимы ясны и крылаты
За плечами воинов видны.

(פאַרוואָר, הייליק און ליכטיק איז דער גרויסאַרטיקער ענין פון קריג. העלע, באַפליגלטע שרפים זעט מען הינטער די אַקסלען פון די קריגער).

און אפילו בלאָק, וואָס האָט מער ווי די אַנדערע געזען דעם אמתן פּרצוף פון קריג, האָט געזונגען:

Военою славой запел тот рожок
Наполняя тревогой сердца.

(מיט מיליטערישן רום האָט אויפגעשפּילט יענער האָרן, און אָנגע־פילט מיט אומרו די הערצער).

מחמת די זעלביקע טעמים און אין דעם זעלביקן ראָמאַנטיש־ענטוזיאַסטישן גייסט האָט געזונגען לאַנדוי:

האַלב טונקעלע פּאַרגאַנגענהייט,
נעמסט מיינע אויגן בלענדן:
איך זע בלויז דיך, דו ריטער צייט,
וואו נאָר כ'זאָל זיך ניט ווענדן.

כ'זע ריטער, ריטער אומעטום
אויף גאַסן, באַנען, וועגן,
און דולצינעא אין איר רום,
קומט שמייכלענדיק אַנטקעגן — — —
— — — — — — — —

— — — — — — — —

ס'איז עפּעס גרויסעס אין איך דאָ,
גרוי־ברוינלעכע מונדירן.

(„אין דער גרויסער שעה", ז. 125)

— וואַך אויף, וואַך אויף דו אַלטע ערד,

און אין אַן אַנדער ליד:

דו ביסט נאָך ניט פאַרלוירן!
דו ווערסט דורך בלוט, ווערסט דורך דער שווערד
אַצינד אויף ס'ניי געבוירן!

(„אַ געבעט", ז. 115)

מען קען ניט לייקענען, אַז אַ געוויסע ראָל אין אָנשרייבן די „מלחמה־לידער" האָט געשפּילט לאַנדויס ווען אַ רייץ טאָן די פּאַציפיסטן מיט זיין „בלוטדורשטיקן מיליטאַריזם", זיין ווילן שאָקירן די אידישע גאַס. אין תוך אָבער איז דאָס, צווישן אַנדערן, געווען דער אָנזאָג אויף לאַנדויס „גאָלדענע האַרף" לידער, אויף זיין ווילן אריינברענגען אין דער אידישער ליטעראַטור די טראַדיציע פון דעם „מאַן פון ליד" —— דעם טרובאַדור, אַ טראַדיציע, וואָס האָט צו יענער צייט גענומען אויפלעבן אין דער אייראָפּייאישער און אַמעריקאַנער ליטעראַטור און איז געווען דער אויסדרוק פון דער בענקשאַפט נאָך דעם ליד, וואָס בלענדט און שאַלט מיט דעם רומפולן און פּאַטעטישן קריגער־האַרן, וואָס בלאָזט דערמאָנט אין די אויבן־ציטירטע שורות.

אויף וויפל דאָס איז ביי לאַנדוין געווען מער עסטעטישער ראָמאַנטיזם, מער טראַדיציאָנעלע פּאָעטיק ווי „אימפעריאַליזם" קען מען זען פון דעם ליד „און דיסקוטירנדיק ביים טיש" (ז. 123):

און דיסקוטירנדיק אין דער קאַפע ביים טיש
די ראָלע, וואָס עס שפּילן אינם קריג די עראָפּלאַנען,
די טענקס, די סובמאַרינען און די לאַגע פונם טערק,
און סאַראַ ענדערונגען וועלן זיין אויף די באַלקאַנען,
האָב איך אין היץ פון דער דיסקוסיע דערפילט
ווי ס'קוקן מילד און ווייך אויף מיר די אויגן דיינע.
כ'האָב אומגעדרייט צו דיר מיין קאָפּ און כ'האָב דערזען
אין זיי אַ גלאַנץ, וואָס איך וועל ניט פאַרגעסן!

און קלאָר געוואָרן איז מיר מיט אַמאָל,
אַז ס׳פליען הויך די עראָפּלאַנען,
אַז ס׳שווימען טיף די סובמאַרינען,
אַז ס׳זיינען ווירקזאַם טענקס, ווי אַלץ וואָס ענגלאַנד טוט,
אַז סוף־כל־סוף וועט עפּעס ווערן מיטן טערק,
אַז ענדערונגען וועלן זיין אויף די באַלקאַנען, —
נאָר וואָס וועט זיין מיט מיר,
מיט מיר און דיר —
מיט אונדז?

אַ ווינקל פון דיין מויל אַן אויפהער האָט געצוקט,
האָסטו געפילט דאָס זעלביקע וואָס איך?

און דוקא דערפאַר, וואָס אים האָט אזוי ווייניק געאַרט, „וואָס עס וועט ווערן מיט דעם טערק״, וואָס אים איז נישט אזוי אָנגע־גאַנגען די מלחמה, ווי דאָס מלחמה־ליד, איז קאָנטיק אין די עטלעכע מלחמה־לידער, לאַנדויס אייגנשאַפט צו קענען אָננעמען דעם כאַ־ראַקטער און אריינלעבן זיך אין דער ראָל פון דעם ראָמאַנטיזירטן און קאַנאָניזירטן דיכטער־טיפּ פון פאַרצייטנס, אַן אייגנשאַפט, וואָס ער האָט מיט אזויפיל עלעגאַנץ און געשמאַק אויסגענוצט אין זיינע „נאַכטיגאַלן״ און אין די לידער פון דער „גאָלדענער האַרף״.
אין די מלחמה־לידער טרעפט מען שוין דעם באַלאַדע־מאַניער:

פון שטויב האָסטו זיך אויפגעהויבן,
ניל פרימראָוז, ניל פרימראָוז!
און הויך אריבער אלעם האָסטו זיך דערהויבן
ניל פרימראָוז, ניל פרימראָוז!
און וואויל איז צו דער נאַכט, ווען ס׳האָט דיין פאָטער דיין מוטער גענומען
ניל פרימראָוז, ניל פרימראָוז!
(„אָדע״, ז. 121)

און מ׳טרעפט דעם סטיליזירטן, אָבער רירנדן, ווייל באמת געפילטן,

באמת פאַרליבטן פיר מיט דער האַנט איבער די סטרונעס פון דער האַרף אין גוסט און גייסט פון די פאַרצייטיקע טרובאַדורן און שפּיל־מענער מיט זייער טראַדיציאָנעלן ווענד צו די צוהערער:

אַ הויבט די קולות אויף און קלאָגט מיט מיר צוזאַמען!

(זע: „בעלגיע", ז. 119)

. . . פֿאַראַכנען ווערטער וואונדערלעכע דינע,
קוים זאָגסטו זיי ווערט ליכטער דיין געמיט...
כ'האָב זיי געזאָגט און אומגעגאַנגען
בין איך אין לעבן אַ פֿאַרשטעלטער פּרינץ.
ניט שטאַרק פֿאַרשטעלט. די בלום די בלויע
האָט לייכט געחלומט אין מיין לאַנץ.
(„צו חיהלע לאַנדוי", ז. 222.)

4. די גאָלדענע האַרף.

אין 1920, אָדער אומגעפער אין דער צייט, הייבט לאַנדוי אָן צו שרייבן זיין „בלויען נאַכטיגאַל" און די לידער וואָס זיינען אריין, אָדער וואָלטן געווען געדאַרפט אריין, אין דער אָפּטיילונג: „די גאָלדענע האַרף".

ביז די „נאַכטיגאַלן", ווי אידעאַליסטיש און ראָמאַנטיש לאַנדוי זאָל אין זיינע דיכטער־קאָנצעפּציעס ניט האָבן געווען, איז אָבער די אומגעבונג, די סצענישקייט אין ליד געווען אַ מער ווייניקער רעאַלע. ווי „ניטדאָאיק" די כונה זאָל ניט האָבן געווען, איז די האַנדלונג אָבער געווען אַ דאָאיקע. אַנדערש זיינען די לידער אין דער „גאָלדענער האַרף". די האַנדלונג, די לאַנדשאַפט, די אימאַזשן, די סצענישע אויסשטאַטונג איז ניט פון הי. עס איז ניט קיין אָפּשפּיגלונג פון דער ארומיקער וואָר, נאָר פּאָעטישער אָנשטעל, באַדינגלעכע טעאַטראַלע רעאַליטעט. דער דיכטער שאַפט, רעזשיסירט, און שפּילט אַ שפּיל, וואו אַלץ קען געשען, און וואָס עס געשעט איז „וואונדער, וואונדער פון זיין גנאָד". די פֿאַרשוינען, וואָס טרעטן אויף אין די לידער, זיינען פֿאַרקליידט און פֿאַרמאַסקירט. דער דיכטער אַליין איז אויך פֿאַרקליידט. אויב די העלדן זיינען קעניגן און קעניגינס, מאַרקיזן און מאַרקיזינס, איז זייער שעפער דער פּרינצלעכער פּאָעט מיט דער גאָלדענער האַרף אין דער האַנט. אין דער פֿאַרקליידונג און פֿאַרוואַנדלונג געפינט לאַנ־

דוי די פּאָזע און דעם טאָן, וואָס סינטעזירן די פאַרשיידענע אייגנ־שאַפטן פון זיין דיכטונג. לירישע עקזאַלטאַציע און איראָניע, חוזק און פּאַטאָס, חכמה און נאַאיוויטעט, צניעות און עראָטיק גיסן זיך אין די לידער צונויף. און אפילו די יוגנטלעכע מרה שחורה איז אין די לידער פאַרוועבט און סובלימירט. דער דיכטער, וואָס טרעט־אויף אין דער „גאָלדענער האַרף״, איז דער סינטעז פון לאַנדויס פאַרשיידענע ראָלן און פאַרוואַנדלונגען: דעם ליריקער און דעם אַנ־שטעל מאַכער, דעם פּאַראָדיסט און סטיליזאַטאָר, דעם עסטעט און העדאָניסט.

צומאַכן די אויגן און אויסחלומען די פאַרביקסטע וואָר, זיך אויסטראַכטן, זיך צירן און שענערן, זיך פאַרשטעלן און פאַר־וואַנדלען — איז געווען צווישן די הויפּט־עיקרים אין דער עסטעטי־שער טעאָריע און פּראַקטיק פון די „יונגע״. מיט פאַרבנרייכע אי־לוזיעס האָבן זיי זיך פאַרגיטיקט פאַר אַ לעבן פול שפלות און פּראָ־זאַאישסטער וואָכעדיקייט. ליטעראַטור איז פאַר זיי געווען — יום־טוב, אַ מין קאָמעדיע דע ל׳אַרטע, וואו זיי האָבן זיך געקענט אויסלעבן, אויסשפּילן אין גראַציע און שיינקייט.

אויף דעם הינטערגרונט, אָבער, פון דער אמעריקאַנער אידיי־שערווירקלעכקייט, אַ ווירקלעכקייט, וואָס לייוויק האָט שפּעטער אויף אַ רעאַליסטיש־סימבאָלישן אופן געגעבן אין זיין דראַמע „באַנ־קראָט״, האָט שיינוואָרט, שיין־גייסט, פּאָעטישע פאַרטראָגנקייט און עקזאַלטאַציע, אין מאָמענט פון אויסניכטערונג, געדאַרפט אויס־זען ווי אַ שטיק חוזק. און דער חוזק האָט געמאָנט אַן ענטפער. עס איז נייטיק געוואָרן אַ פּאַסיקער קינסטלערישער מעטאָד דעם חוזק אויסצושפּילן, אים צו פאַרענטפערן און אויפלייזן. און עס האָבן זיך צווישן די „יונגע״ געפונען אזוינע, וואָס האָבן דעם מעטאָד געפונען. דער מעטאָד און די פאָרם פון לצנות, זעלבשפּאָט, פּאַ־ראָדיע, גראָטעסק, איראָניע, און נאָנסענס זיינען פאַר דער באַדער־פעניש געווען אַמבעסטן צוגעפּאַסט. דורך זיי האָט מען געקענט וואָר און חלום אויסמישן און אויסלאַכן, באַשטעטיקן און פאַר־לייקענען. דורך זיי האָט מען געקענט לעגיטימיזירן דעם ווידער־אַנאַנד, זיך פאַראָדירן און פירן, ווי משה לייב מיט זיך אַליין, אַ פּאַיאַצן־דיאַלאָג:

(איך בין דער ריטער פון האַצאַצאַ,
בין איך דער ריטער פון האַצאַצאַ.)

פון איין זייט האָט לֿאַנדוי, ווי מאַני לייב, געקענט זיך טיפער פארחלומען, לענגער אָנהאַלטן די אילוזיע, פון דער צווייטער זייט האָט ער ווי משה לייב געקענט שפעטן, און, ווי משה נאַדיר וועגן זיך, אויסטראַכטן ניט געשטויגענע זאַכן —— צווישן אַנדערן, למשל, זיך פאָרשטעלן ווי אַן „אַדלמאַן פון ריינסטן בלוט". און עס איז געווען דאָס צווייטע, דאָס געמיינשאַפטלעכע וואָס לֿאַנדוי האָט געהאַט מיט משה לייבן און נאַדירן, וואָס האָט אים געבראַכט צו דער קאָמעדיע דע ל'אַרטע, צו דער שפּיל פון מאַסקעס. (ריין פאָרמעל אָבער איז דאָס ווידער אמאָל ניט פאָרגעקומען אָן דעם איינפלוס פון קוזמינס קאָמעדיעס, און בלאָקס „באַלאַגאַן"). אין דער קאָמעדיע דע ל'אַרטע האָט לֿאַנדוי זיך געקאָנט אינגאַנצן אויס־שפּילן, אַלץ אין זיך פערזאָניפיצירן און אינסצענירן, אונטער מאַס־קעס ארויספירן אַלע זיינע קרעדאָס, מיינונגען, שטרעבונגען, דער־מאָנונגען און וואונטשן, און זיי לאָזן שפּילן טעאַטער. אין דער קאָמעדיע דע ל'אַרטע האָט לֿאַנדוי זיך געקאָנט פריי באַוועגן, איבער־שטעלן דעם סדר פון זאַכן און פאַסירונגען, טאָן ווי אים געפעלט, און זיך שפילן ניט נאָר מיט דעם לעבן, נאָר אויך מיט דעם וואָס איז ביי אים געווען פיל הייליקער —— מיט דער פאָעזיע. דאָ האָט ער געקענט טאַשן פיגורן און אידייען ווי קאָרטן, מישן די פאַרבן און „וויינען מיט גרין־בלויע קרעלן". אין דער קאָמעדיע דע ל'אַרטע האָט ער געקענט זיך אליין ארויסשטעלן אַ צונג, און גלייכצייטיק זיין ליריש־צאַרט און פאַרבענקט ווי פּיעראָ. אָבער ניט נאָר אין די „נאַכטיגאַלן" האָט ער דאָס געקענט זיין, נאָר אויך אין אַ גרויסער צאָל פון די לידער אין דער „גאָלדענער האַרף", ווייל די דאָזיקע לידער זיינען אין תוך אַ ניט־פאַרבונדענע קאָמעדיע, דע ל'אַרטע. אין זיי, ווי אין די לידער פון „בלויען און רויטן נאַכטיגאַל", איז אַלץ וואונ־דערלעך און מעגלעך. אין זיי שאַפט לֿאַנדוי אַ פּאָעזיע, וואָס איז ווי די טרובאַדורישע: „א!! קיינד אָוו געים פיקטשורינג א!! מעיק בעליוו וואָרלד": (רעימאָנד דע לוא, טרעליס אָוו די טראָבאַדור)

לידער ניט פון וואָר, נאָר פון פאַרוואַנדלונג:

מיידלעך ווי האַלבע לבנות

און לאַנד און טראָן איז מיר געקומען,
איך האָב געדאַרפט דער קעניג זיין;
מיך האָבן אָבער מער פאַרנומען
דער ים און דער לבנה שיין.

פון הויף די רייצנדיקסטע דאַמען,
זיי לאָזן מיינע אויגן שטום,
און ווי דער וויי פון זיבן ימים,
אַ שווייגנדיקער שפּאַן איך אום.

האָב איך געזאָגט צום ברודער: בלייבן
זאָל דיר די קרוין, איך שענק זי דיר.
און איך וועל זיך אין טאָל פאַרקלייבן
און ביי דעם ים פאַרבלייב איך מיר.

עס גיט מיין ברודער מיר מתנות
און קעניגלעך איז זיין געשאַנק:
שענקט מיידלעך מיר ווי האַלב לבנות,
אזוי פאַרשפּרעכנדיק און שלאַנק.

האָט אויך געוואָלט דעם הויפנאַר געבן.
„אַ קעניג שענק אים ניט אוועק.
„גיב ליבערשט מיר דעם פאַלק, אַז שוועבן
„זאָל ער פאַר מיר דורך מיינע טעג".

אָט דאָס באַנעמען און באַהאַנדלען זיך ווי אַן אויסגעטראַכט געשטאַלט, ווי אַן אַנטיילנעמער אין א ריטערלעך־טרובאַדורישער שפּיל איז דער הויפּט־מאָטיוו אין די לידער פון דער „גאָלדענער האַרף". דאָס זיינען לידער ניט פון וואָר, נאָר פון פאַרוואַנדלונג.

איבערלעבונגען און אינצידענטן ווערן סטיליזירט און פאַרשלייערט, פונקט ווי די פאַרשווינען, וואָס לאַנדוי ציט מיט זיך אריין אין דער פאַרוואַנדלונגס שפּיל, זיינען סטיליזירט, קאָסטיומירט און מאַסקירט. אויב די געליבטע, ווי עס פּאַסט פאַר אַן „אַדלמאַן פון ריינסטן בלוט", איז א מאַרקיזין, מוז שוין די ליבע מיט איר געשפּילט ווערן לויט אַלע כללים פון טרובאַדורישער קורטואַזיע. אַפילו פּאַרמעל, כאָטש ניט אין ווערסיפיקאַטאָרישן זין, דערנענטערן זיך די לידער, אַדרעסירט צו דער מאַרקיזין באַטאָווים, צו דער טרובאַדורישער פּאָעטיק. ווי די טרובאַדורן שרייבט לאַנדוי צו באַטאָווים „סער־ווענטעס" (מאַרגנלידער):

דער פּוים אין רוים

באַטאָווימס ווייסער קני
אין שוים פון דעם באַגינען,
אין בלוי פון אין דער פרי —
רייצט ווי דער בים פון בין.

עם שטרעקט אַ פּוים זיך העל
פאַרלוירן אינעם רוים.
אַ קופּער־גרינע וועל,
אַ שנייאיק ווייסער שוים!

מיט אויגן האַלב פאַרשנירט
גלעט זי דעם פּוים און גלעט —
פרימאָרגן גרוי פאַרלירט
זיין גרוי אין פּיאַלעט.

ער שרייבט אויך „אַפּשייד־לידער", (סערענעס). זע דאָס ליד „אַדיו, אַדיו באַטאָווים". ז. 189. „מאַרקיזין באַטאָווים", ז. 196, „ברויט און וואַסער", ז. 197, און אַנדערע פון דער סעריע.

דאָס איז דער „מעיק בעליוו", שפּיל, אַנשטעל. אָבער אין דעם

אָנשטעל איז דאָ טיפער דיכטערישער ערנסט. ערנסט שוין בלויז דערפאַר וואָס די שפּיל, דער אָנשטעל, דער באַגער נאָך פאַרוואַנדלונג, איז א רעזולטאַט פון ערנסטע סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע סיבות. בשעת די אינסצענירונג איז אַ רוישיקע, די קאָסטיומירונג אַ קלאָוניש־בונטע, פילט זיך אין דעם טאָן פון ליד די באַהאַלטענע פאַרצווייפלונג, די טראַגישע פאַרלוירנקייט. (זע די לידער: „דער ווייסער לאַם" ז. 173, און באזונדערס די אין טאָן עכט־טראַגישע „באַלאַדע פון נאַקעטע ברילִיאַנטן" ז. 210־212). וואָס אין די פריסטע לידער איז געווען ביי לאַנדוי אָנרעגונג פאַר סוביעקטיווע שטימונגען, פאַר נאַקעטע פּסיכאָלאָגיזמען און ווידויס, וואָס ער האָט אזוי פיינט געהאַט, איז אין די „גאָלדענע האַרף" לידער געוואָרן מאַטעריאַל פאר אינסצענירונגען, פאר סטיליזירטער ארלעקיניאדע און טרובאַדורישער ליריק.

אָבער לאַנדויס סטיליזאַציע איז ניט קיין ריין־פאָרמאַליסטישע, קיין סטערילע, קיין קאַלט־ווירטואָזישע. זיין זינגענדיק, ליריש־אָנגעקוואָלן עקסטאַטיש געמיט פון די פריערדיקע לידער רייסט און דרינגט דורך די סטיליזאַציע, מאַכט זי עמאָציאָנעל וואַרעם, עכט, פריש, אינספּירירט.

דיין צאַרטע דורכזיכטיקע הויט

אַזאַ לבנה, אזוינע נעכט!
און ווי דאָס האַרץ שלאָגט היינט פאַרטרויט!
ווי נאָדלען מיינע פינגער שטעכט
דיין צאַרטע דורכזיכטיקע הויט.

הויך איבער אונדז האָט זיך צעוויגט
אין ווייטן רוים אַ פּורפּור פלאַם,
אויף וואָלקנס די לבנה ליגט,
ווי אין דעם פעלד אַ ווייסער לאַם.

און אין דעם שיין האָט האַרץ און וועלט
זיך דורכגעפלאָכטן, דורכגעצוויגט,

און אלעם זינגט און קלינגט און קוועלט —
דער לאַם דער ווייסער ער נאָר שווייגט.

עס איז אַ סטיליזירטער פּאַסטאָראַלישער מאַדריגאַל, אָבער דאָס „חסידישע" געמיט דרינגט דורך די סטיליזאַציע און „זינגט און קלינגט און קוועלט".

אָבער אויך דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער שפּילט, מאַכט אָנשטעל, גייט ביי לאַנדוין נישט פאַרלוירן. דאָס איז ביי אים געוועזן צו אַ וויכטיקער עלעמענט, אַז ער זאָל אים לאָזן פאַרשוועכט ווערן פון דעם לירישן שטראָם. און א צאָל לידער איז דאָס באַוואוסטזיין פון שפּילן קענטיק אין דער איראָניע, וואָס פינקלט ארויס פון דער באַוואוסטזיניק־נאַאיווער ריטמיק און קאָמפּאָזיציע. אין אזוינע לידער איז דער טרובאַדור, דער ריינער ליריקער, דורכגעבראָכן דורך דעם ארלעקין. דער אַרלעקין פאַרוואַנדלט דאָס „זינגט און קלינגט און קוועלט" פון דעם ריינעם פּאָעט, פון דעם ריטער פון דער בלויער בלום אין אַ קלאָונישער פּאַנטאָמימע, אין געוויין מיט „גרין־בלויע קרעלן".

דאָס ליד פון גרין בלויע קרעלן

איך וועל צו דער קעניגין קומען,
דאָס הארץ וועל איך אויפדעקן איר:
קעניגין, איך בין געקומען
צו בעטן מחילה ביי דיר.

באַטאַווימס גרין בלויע קרעלן,
זיי האָבן פּאַרסמט מיר דאָס הארץ!
באַפעל, אַז זי זאָל מער די קרעלן
ניט טראָגן אויף איר האַלדז.

האַלב פינצטער איז אין טעאַטער,
ווי ס'דאַרף געוויינלעך זיין,
און אין דעם האַלב־טונקעלן טעאַטער
אַ האַלדז פון פאַרצעליי.

און פון דעם פּאַרצעלייענעם האַלדז
ווייגען די גרין־בלויע קרעלן.
קוק איך אויף דעם פּאַרצעלייענעם האַלדז
און וויין מיט גרין־בלויע קרעלן.

און דער האַלדז איז געווען באַטאַוויםס,
און געטראָגן האָט זי דעם שנור.
אַ קעניגין מיינע, באַטאַזווים
האָט צוגעגנבעט מיין האַרץ.

זייט געזונט, חברים טייערע,
חברים ליבע, זייט געזונט!
זיי געזונט מיר אויף אייביק מיין בעט,
איך וועל מער נישט שלאָפן אין דיר.

זיי געזונט מיר מיין ליכטיקער ווינט,
מיין זומער, מיין ווינטער, מיין פרילינג,
מיין האַרבסט.
פאַר אונדזער איינציקער קעניגינס וועגן
לייג איך מיט שמחה מיין קאָפּ אויפן קלאָץ.

אַנשטאָט אַ געוויינטלעכן ליבע־ליד, ווערט דאָ אונטער א מאַס־קע און מיט קאָמעדיע־עפעקטן דורכגעפירט אַ גאַנצע ליבע־פאַנטאָ־מימע. עס איז אַ שפּיל דורכגעפירט פון אנטיילנעמער, וועמען לאַנ־דוי „האָט אָנגעטאָן מאַסקעס".

די מאַסקעס וואָס לאַנדוי האָט „אָנגעטאָן די אקטיאָרן" (זע: „ס'איז גאָרנישט ניט געשען") זיינען אָבער ניט אויף צו פאַרשטעלן זיי די פּנימער. מיט די מאַסקעס איז לאַנדוי אויסן געווען ניט נאָר פ אַ ר ש ט ע ל ן , נאָר אויך פ אָ ר ש ט ע ל ן . די מאַסקע ביי לאַנדוין, ווי ביי נאַדירן, איז געווען דער אויסדרוק פון אַ גאַנצן קאָמפּלעקס קולטור־שטרעבונגען; געווען דער אויסדרוק פון אַ נייעם קולטור־סטיל, פון דעם שטרעבן —— אויב ניט אין לעבן איז אין דער פּאָעזיע —— פאַרווירקלעכן דעם ריטערלעכן

דאַמען־קולט, דעם אַדעלדיקן זשעסט, דעם גאַלאַנטן מאַניער, דעם פראַנצויזיש־ראָמאַנטישן פאַרנאַסן אומגאַנג. אָבער חוץ דעם האָט די מאַסקע געהאַט אַן ענגערן, אַ רייך־פאַרמעלע און קאָנווענציאָנעלע פונקציע. ניט אַלע קאָנווענציעס בינדן דעם קינסטלער. פאַראַן אַזעלכע וואָס בינדן־אויף און לאָזן פריי די שפּילערישע, וואָס איז דאָס זעלביקע אין דעם פאַל ווי צו זאָגן, די שעפערישע ענערגיע. אונטער אַ מאַסקע דערלויבט מען זיך אַנצוטעמען אַ טאָן, וואָס איז ניט נאָר געוואַגטער, נאָר אויך שפּילעווידיק־שעפערישער. *)

אַ מוסטער דערפון צו וואָס פאַר אַ צוועק די מאַסקע האָט לאַנדוי געדינט אין רייך־פאַרמעלן זין איז „דאָס ליד פון גאָטס קנעכט ישראל בעל שם טוב".

ווען מען באַטראַכט דאָס ליד פון שטאַנדפּונקט פון מאַסקע, זעט מען אַז דער נאָמען בעל שם טוב דערפילט דאָ אינגאַנצן אַן אַנדערע פונקציע, ווי אין דעם ליד „איז דער בעל שם טוב געגאַנגען". אין דעם לעצטן ליד פאַרקערפערט דער בעל שם עקזאַלטאַציע און תמי־מותדיקע איינבילדונג, וואָס דערגייט ביז העלזעערישקייט. עס איז געוואָרן אַ מער קאָנקרעטער, אַ מער היסטאָריש־רעאַלער, בעל שם. דער „בעל שם", ווידער, פון דעם ליד אין דער „גאָלדענער האָרף", איז ווי דער בעל שם פון די „נאַכטיגאַלן", קודם כל אַן אָריגענעלע טעאַטראַלע מאַסקע. עס איז „מוסיע בעל שם דער אדלמאן פון רייבסטן בלוט". עס איז אַ מאַסקע אין דער פאַסטאָראַלער חתן־כלה שפּיל וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף פאַרשיידענע אופנים אין אַ טייל לידער פון דער „גאָלדענער האָרף". עס איז פאַראַן אַ סך עקזאָטישקייט און טעאַטראַלער רייץ אין דעם וואָס די מאַסקע, וואָס טרעט אויף אין דער חתן־כלה־אוןד־ מאַן־און־ווייב שפּיל, טראָגט דעם

לאַנדוי פלעגט אָפט זאָגן, אַז עס ליגט זיך אויפן שכל, אַז דער פּאָעט אונטערמיידער זאָל האָבן אָנגעשריבן נאַטאַלי קרעינס לידער, ניט געקוקט אויף דעם וואָס די לידער אונטער זיין אייגענעם נאָמען זיינען אַ סך שוואַכער. לאַנדוי פלעגט דאָס מאָטיווירן דערמיט, וואָס די שפּילעוודיקייט, אומגעריכטקייט און נאַאיוויטעט, וואָס ער האָט זיך געקענט דערלויבן אונטער דער מאַסקע פון אַ צוועלף יעריק מיידל, האָט ער זיך ניט געקענט דערלויבן אין זיין אייגענעם נאָמען.

נאָמען —— בעל שם. גלייכצייטיק גיט די מאַסקע לאַנדוין די מעג־לעכקייט צו באַהאַנדלען אַ סענטימענטאַלן ליבע־מאָטיוו, אַ סענטי־מענטאַלע ליבע־דערקלערונג אומפּערזענלעך ווי א באַלאַדיסט, באַ־האַנדלען ניט ווי אַ ווירקלעכע איבערלעבונג, נאָר ווי אַ טעקסט וואָס ער דאַרף שפּילעריש באַלעבן.

דאָס ליד פון גאָטס קנעכט ישראל בעל שם טוב

ישראל בעל שם טוב, גאָטס אייביקער קנעכט
גייט זינגעוודיק איבער די וועגן,
וואָס זינגסטו, ישראל? ווייל איך בין גאָטס קנעכט
און איך גיי מיין כלה אַנטקעגן.
און שיין איז מיין כלה, אזוי ווי א בוים
און אפשר נאָך שענער אַפילו.

און זאָג מיר ישראל, זאָג ווי רופסטו זי
און ווי אזוי רופן זי אלע?
בת טובים, בת טובים, אזוי רופט מען זי,
ביי מיר אָבער הייסט זי מיין כלה,
און ווי די לבנה אזוי איז זי ווייס,
און אפשר נאָך ווייסער אפילו.

און זאָג מיר ישראל, וואָס זאָגסטו איר,
ווען איר האָט זיך ביידע באַגעגנט?
—— מיין כלה, מיין כלה, אזוי זאָג איך איר, ——
מיר האָבן זיך ביידע באגעגנט,
קום, גיב מיר דיין האַנט, קום אין עק פון דער וועלט,
כ'וועל גיין מיט דיר ווייטער אפילו.

עס איז אין סטיל פון נאַאיווער פאָלקס־שפּיל. דער דיאַלאָג, אָדער ריכטיקער, דער דועט איז ווי אין אַ מאַריאָנעטן־שפּיל. די נאַ־איוויטעט אין ליד איז אָבער אַ געשפּילטע, און דערפאַר טראָגט זי אַן איראָנישן כאַראַקטער. עס איז אָבער אַן „איראָניע וואָס שליסט

ניט אויס קיין ענטוזיאַזם". באַזונדערס טרעט ארויס קלאָר דער טאָפּלטער כאַראַקטער פון ענטוזיאַזם און איראָניע אין די רעפרענען: „און שיין איז מיין כלה", א.אז.וו. די צווייטע שורה פון יעדן רעפרען גיט דער נאַאיווער באַגייסטערונג אַן איראָנישן, שיעור ניט קאָמישן, עפעקט. אָבער דערמיט, וואָס דאָס ליד טראָגט אַזאַ סטיליסטיש־באַוואוסטזיניקן כאַראַקטער, ווערט ניט געמינערט זיין פּאָעטישער ווערט. מען לייענט דאָס ליד אפשר נישט אזוי ערנסט פּאַרטיפּט ווי דאָס ליד „איז דער בעל שם טוב געגאַנגען", וואָס אין פּרט פון האַלטן דעם לייענער עמאָציאָנעל גע־שפּאַנט איז אפשר דאָס שטאַרקסטע ליד לאַנדויס, דערפאַר ווערט מען אָבער פון דעם ליד אויף אַן אנדער אופן דער־פרייט און עסטעטיש באַווירקט. דאָס דאָזיקע ליד איז אפשר „לייכ־טער", דערפאַר אָבער אויך גראַציעזער, און פּיקאַנטער.

צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע פון ליריק —— דערלאַנגט דורך שפּיל, דורך דועט — געהערן ביי לאַנדוי אַ סך לידער. לאַנדוי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דעם דועט אויף אַן עכט־ראַפינירטן אופן אריבערגעטראָגן פון דעם פאָלקס ליד. דעם דועט טרעפט מען ביי לאַנדוי שוין אין 1919 אין דעם ליד „אָוונט אין קעלער", ז. 129, באַשטימט דאָס בעסטע פלירט־ליד אין דער אידישער פּאָעזיע.

פאַרוואָס אַנטפּלעקונג דורך פאַרשטעלונג

באַנעמט מען ווי געהעריק דעם קינסטלערישן ווערט פון לאַנדויס „פאַרשטעלטע" לידער, זייער זין און די כוונה פון די נאַאיווע ריט־מען, פּאָפּולערע פאָלקס־מעלאָדיק, און מאַריאָנעטן־שפּילעוודיקייטן, הייבט מען אָן איינצוזען, פאַרוואָס לאַנדוי און מיט אים אַנדערע האָבן באַטראַכט זיינע „נאַכטיגאַלן" און די „גאָלדענע האַרף" פאַר דעם העכסטן עטאַפּ פון זיין שאַפן. (און זיכער איז דאָס געווען דער קלי־מאקס פון אַלע זיינע פאַרוואַנדלונגען. אַן ספק איז דאָס געווען די רעאַליזירונג פון זיין וואונטש נאָך דיכטערישער סובלימירונג.) אין אַנדערע ווערטער, באַנעמט מען די אידייאישע מאָטיווירונג און קינסט־לערישע ספּעציפיק, די טראַדיציע און אורשטאַם פון די לידער אין

דער „גאָלדענער האַרף״, פאַרשטייט מען פאַרוואָס ער האָט זיך און אַנדערע „אָנגעטאָן מאַסקעס״ און פאַרוואָס ער האָט געשטרעבט צו אַנטפלעקונג דורך פאַרשטעלונג.

ווי מען קען זען פון לאַנדויס פריערדיקע און שפּעטערע לידער, ווען מען נעמט זיי אין זייער אינערלעכן גייסטיקן צוזאַמענהאַנג, איז ער געווען אַ טיף־זוכנדער דיכטער, אַ דיכטער וואָס האָט דורך זיינע לידער געשטרעבט צו אַ באַזינונג פון לעבן און צו א באַזינטער אויסלעבונג. פול מיט אינערלעכע קאָנפליקטן און מיט אַ שאַרף געפיל פאַר די שטימונגען, שטרעבונגען און פּראָבלעמען פון זיין דור, האָט ער זיך אָבער אויף זיי אָפּגערופן ניט אויף א דירעקטן אופן, ווייל ער האָט ניט געגלויבט, אַז דאָס ליד דאַרף זיין דער דירעקטער און אָפענער אָפּרוף אויף פּראָבלעמען. די וויטיקדיקע ווידערשפּרוכן ווערן ביי אים נישט געלייזט, נאָר אויפגעלייזט אין די עכאָס און ריטמען, אין די מעלאָדיעס און פּאַטעטיש־איראָנישע און טראַגיש־קלאָונישע זשעסטן פון די „פאַרשטעלטע״ לידער. פּונקט ווי רוסאָס רוף צוריק צו דער נאַטור און פּרימיטיווקייט איז ניט קיין אויסדרוק פון פּרימיטיווקייט, נאָר פאַרקערט פון רייפער צו רייפער קולטור, אַזוי איז לאַנדויס רוף אַוועקצוגיין פון פּראָבלעמען נישט קיין סימן פון פּראָבלעמלאָזיקייט, אָדער אידייענלאָזיקייט. די אומיסטנעדיקע „לייכטזיניקייט״, די „אידייענלאָזיקייט„ איז לאַנדויס כאַראַקטעריסטישער ענטפער אויף דער צייט־פּראָבלעמאַטיק, ניט ווייל אים האָט געפעלט אַ חוש פאַר די פּראָבלעמען, נאָר ווייל ער האָט נישט געגלויבט, אז אין ליד דאַרף מען זיין פּראָבלעמאַטיש. ניט קיין גאולה־בשורות, האָט לאַנדוי געגלויבט, דאַרף דאָס ליד ברענגען, נאָר דאַרף אליין זיין אַן אַקט פון אויסלייזונג; דאַרף פאַרוויגן, פאַרשפּילן און אין דער שפּיל גאַנץ מאַכן מיט דעם וואָרט, וואָס לאָזט זיך ניט מתקן זיין דורך טאַט.

אומגעלומפּערט איז די טאַט
און סאַראַ שווערקייט ווייט פון איר.
זי בויגט דאָס האַרץ דיינס צו דער ערד
און פילט מיט טרערן אָן דיין בליק.
(„אין אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט״, ז. 209)

אַזוי האָט לאַנדוי מאָטיווירט זיין ווייכן פון דער „טאַט" און פון דעם גאַנצן סכום טעאָרעטישע און עסטעטישע באַגריפן און איינשטעלונגען, אַרום וועלכע עס איז געפירט געוואָרן אַ קאַמף צווישן אייזלאַנדן, מאַני לייבן, און לאַנדוין, פון איין זייט, און לייוויקן, אָפּאַטאָשון, און לעיעלעסן, פון דער צווייטער זייט. לאַנדויס ווייכן פון דער טאַט איז ערשטנס ריין־עסטעטיש מאָטיווירט(זי איז אומגעלומפּערט); צווייטנס ווייל זי (די טאַט) „בייגט דאָס האַרץ צו דער ערד און פילט מיט טרערן אָן", וואָס דאָס איז שוין אַן אויסדרוק ווי אויך א באַשטעטיקונג פון סענסעטיווקייט און מיטלייד־געפיל.

דער היפוך צו דער טאַט, וואָס איז אומגעלומפּערט און שווער און אז.וו., איז דאָס „וואָרט אליין, לופטיק און ריין", וואָס איז נישט סתם אַ פּאָעטיש וואָרט, נאָר דאָס וואָרט, וואָס איז „דער רעפרען פון דעם ליד פון לאַנג שוין צוריק". אָט פאַרוואָס לאַנדוי האָט אָנגעטאָן די אַקטיאָרן מאַסקעס פון פּאַרצייטישע שפּילן, און זיך —— די מאַסקע פון דעם טרובאַדור מיט דער גאָלדענער האַרף.

לאַנדויס בענקשאַפט נאָך דעם וואָרט, וואָס איז „לופטיק און ריין פון לאַנג שוין צוריק" איז דער אינהאַלט און זין פון זיין ראָ־מאַנטיזם. אַ ראָמאַנטיזם וואָס איז דורכאויס מאָדערן, אפילו מאָדערניסטיש. דאָס איז דער ראָמאַנטיזם פון אַן עזרא פּאַונד, פון אַ קוזמין, און אַנדערע אמעריקאנער און אייראָפּייאישע דיכטער. דאָס איז ניט אזוי אַ בענקשאַפט נאָך אַמאָליקן לעבנס־שטייגער, נישט אזוי אַ פאַרהערלעכונג פון אַמאָליקע צייטן, ווי אַ פאַרהערלעכונג און ראָמאַנטיזירונג פון פאַרצייטיקע דיכטער און לידער. דאָס איז די בענקשאַפט נאָך דעם כוח פון תמימותדיקער שעפערישקייט, נאָך דעם קענען שטיין פאַר אַ וועלט פון פאַקטן און זען נסים, זען וואונ־דער. דאָס איז די בענקשאַפט נאָך יענע צייטן פון לאַנג שוין צוריק, ווען דיכטונג האָט געהייסן דאָס „פריילעכע פאַך", ווען דיכטער האָבן זיך געלערנט די קונסט פון זינגען לידער ביי די „לאַנען, סע־דער, די ביימער און דעם זינגען פון פייגל", ווי עס זינגט זיך אין אַן אַלטן טרובאַדורן־ליד. דאָס איז די בענקשאַפט נאָך יענע צייטן, ווען דיכטער זיינען באמת געווען „רעגירער און באַשעפער", און מיט דעם כוח פון זייער לופטיק און ריין וואָרט, ווי מאַגיקער, גע־

קענט זיך און אַלץ ארום זיך פאַרוואַנדלען אין וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט; פאַרוואַנדלען ווי דאָן קיכאָט „אַ קליינע שטוב אין אַ טורניר". און וואָס האָט לאַנדוי און צוזאַמען מיט אים אויך אנדערע פון די יונגע דען געוואָלט, אויב ניט פאַרוואַנדלונג, אויב נישט דורך שאַפן זיך באַפרייען פון דער שווערער ענגער און גרויער וואָר?

די דאָזיקע בענקשאַפט נאָך אַמאָליקע דיכטער און לידער איז אויך געוואָרן דער אינהאַלט פון לאַנדויס עסטעטישער מיסיע אין דער אידישער ליטעראַטור. אויף וויפל לאַנדוי האָט „געפּרײַדיקט", אָדער „אָנגעזאָגט", איז דאָס געווען דאָס פּרײַדיקן און דאָס אָנזאָגן:

באַלד וועלן ווידער ווי אַמאָל
די נאַכטיגאַלן זינגען,
און דעם צעבליטן באַרג און טאָל
וועט אַ געזאַנג פאַרקלינגען.

עס קלינגען ווייך ווי שניי, ווי פּוך
צוריק די אַלטע לידער,
און צו דעם רייך פון וואוילגערוך
מיר קערן אום זיך ווידער.

(פון „דער בלויער נאַכטיגאַל")

יעדער ראָמאַנטיזם פירט אָבער שטענדיק —— פריער צי שפּעטער —— צו אַ געוויסן טראַגיזם. און אויך לאַנדויס אָנזאָגן און וועלן צוריקברענגען דאָס רייך פון וואוילגערוך האָט אים נישט געקענט ניט פירן צו אנטוישונג, צום טראַגישן איינזען, אז וואָס ז׳אַוועק קערט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריק, אַז אינטעלעקטועלער, באַוואוסטזיניק־סטימולירטער עקסטאַז קען נישט פאַרבייטן אוממיטלבאַרע אינספּיראַציע און עקזאַלטירונג, אַז וואָס אין יענע צייטן פון „לאַנג שוין צוריק" איז געווען סטיל, מוז איצט זיין סטיליזירונג.

איינרעדענישן, באַוואוסטזיניק־ און סינטעטיש־געשאַפענע אילוזיעס —— וויפל פּאָעטישע שיינקייט עס זאָל פון זיי נישט ווייען —— זיינען אָבער פאָרט נישט מער ווי איינרעדענישן און אילוזיעס.

עס מוז קומען אויסניכטערונג און מיט איר —— אַנטוישונג, וואָס גרענעצט זיך מיט פאַרצווייפלונג.

און אין איינעם פון זיינע, אַזוי צו זאָגן, אַנטקראַקטן, ווען ער נעמט אַראָפּ די מאַסקע, שרייבט לאַנדוי:

און ווי קאַלטע זיילן גלאָצן שוין די בליקן,
בלינד איז אונדזער וואָרט, וואָס האָט געררושט זוי ווייַן.
איך וועל היינט ביינאַכט זיך נאָך דערשטיקן,
אָדער כ'יאָג אַ קויל מיר אין דעם מויל אריין.
(„איבער זיבן ימים", ז. 206)

און ווי שטענדיק אין מאָמענטן פון אַנטוישונג, פאַרצווייפלונג און געפאַלנקייט, איילט זיך לאַנדוי די אַנטוישונג און געפאַלנקייט צו סובלימירן. סובלימירן דורך זעלבסט־שפּאָט, איראָניע און קלאָוניש־קייט. דערפאַר זיינען אין דער סעריע „די גאָלדענע האַרף" פאַראַן אויך לידער, וואו נישט נאָר שפּילט לאַנדוי די ראָל פון דעם פּרינצ־לעכן פּאָעט־טרובאַדור, די ראָל פון דעם „אַדלמאַן פון ריינסטן בלוט", נאָר ער פּאַראָדירט, שאַרזשירט און איראָניזירט איבער דער ראָל. אָבער וויפל טרויער אין דער איראָניע, וויפל פּאַטאָס אין דער קלאָו־נישקייט. די ווערטער זיינען פריילעכע, אַנשטעלמאַכערישע, ווער־טער —— קאַטאָוועסלעך, אָבער דער טאָן מיט וועלכן זיי ווערן ארויסגעזאָגט, דער זשעסט וואָס באַלייט זיי, איז אַזאַ רעזיגנירטער, אַזאַ פּאַטאַל־טרויעריקער. דער טרויער און די פּאַטעטישקייט איז אויסגעדריקט בלויז מיט דעם אַקצענט איבער דעם וואָרט, בלויז מיט דער אינערלעכער מעלאָדיע, וואָס אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם דיכטער פון אינעווייניק, און סטימולירט אונדזער פאַנטאַזיע זיך אויסצו־מאָלן און וויזואַליזירן דאָס אינערלעכע אידעאַלע געשטאַלט פון דיכ־טער.

די פּאַטעטישקייט פון לאַנדויס קלאָון־לידער קען מען נישט ארויסלייענען פון די ווערטער, נאָר בלויז פון דער טאָנירונג פון דער שורה, פון דער מימיק און זשעסטיקולאַציע, וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין די טאָן־ענדערונגען און איבערגאַנגען פון שורה צו שורה. דאָס

איז אוממעגלעך צו באַווייזן דורך ציטאַטן אויף פּאַפּיר. פאַר דעם איז נייטיק אַ פאַרלייענער מיט אַ שטים, וואָס זאָל זיין עקספּרעסיוו און בייגיק געננג נאָכצופאָלגן און איבערגעבן די אַלע אינערלעכע מעלאָדישע ניואַנסן און אַקצענטן.

נאָך צונזער האָט געוואָרנט זיינע לייענער, אַז:

אויב איר לייענט אין ביכל מיינע לידער,
און די מעלאָדיע האָט מען אייך נישט איבערגעבן
איז דאָס ווי פאָטאָגראַפישע בילדער, ליבע ברידער,
דאָכט זיך אַלץ ריכטיק, נאָר עס פעלט לעבן.

צונזער האָט פאַרשטייט זיך געמיינט אַן אַנדער מין מעלאָדיע, אָבער אויך לאַנדוי פלעגט אָפט זאָגן, אַז מען וואָלט געדאַרפט שאַפן אַ מין נאָטן־סיסטעם, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן פאַר דעם לייענער צו לייענען אַ ליד מיט דעם ריכטיקן „טראָפּ“.

און וואָס איז באמת אַ ליד אָן דער עכטער באַטאָנונג, אָן דעם באַנעמען די אינערלעכע מעלאָדיק, וואו ס׳איז פאַרטייעט די אמתע אייגנקייט פון דעם פּאָעט, דער אמתער זין און אינהאַלט פון זיין ליד? ניט אומזיסט לייענט יעדער דיכטער פאַר זיינע לידער מיט אַ באַזונדערן אייגענעם, איך וואָלט געזאָגט, כמעט מיסטישן ניגון.

כדי גוט צו קענען דערפילן און פאַרשטיין לאַנדויס אַ „זאָג“, דאַרף מען אים קענען דערזען. זען דעם זשעסט, וואָס באַלעבט און פאַרטיפט דעם זאָג, גיט אים זיין טאָפּלטן זין, ברענגט אַרויס זיין אינערלעכע טראַגיק. און „אונטער זשעסט אין ליד“, שרייבט דער רוסישער דיכטער גומיליאָוו, „פאַרשטיי איך אַזאַ ווערטער צעשטע־לונג, אַזאַ אָפּקלייב פון קאָנסאָנאַנטן און וואָקאַלן, אַזאַ פאַרגיכערן אָדער פאַרפּאַמעלעכן דעם ריטם, אַז דער, וואָס לייענט דאָס ליד, מוז ניט ווילנדיק זיך שטעלן אין דער פּאָזע פון דעם דיכטער, איבערנע־מען זיין מימיק און קערפּער־באַוועגונג, און אונטער זייער ווירקונג אָדער סוגעסטיע איבערלעבן דאָס זעלביקע, וואָס דער דיכטער“. דאָס קען פאַר אייניקע קלינגען ווי מיסטיפיקאַציע, אין דער אמתן אָבער איז דאָס אַ גענויע באַשרייבונג פון דער קונסט פון לייענען לי־

דער בכלל און באַזונדערס יענע לידער, וואו דער עיקר איז ניט די באַהויפּטונג, נאָר דער טאָן.

בלויז אַזאַ אופן פון לייענען לאַנדויס לידער, אין „דער גאָלדע־נער האַרף", וועט מעגלעך מאַכן אויפצוזאַמלען, צו וויזואַליזירן אַלע שטריכן, זיך אויסמאָלן און דערזען לאַנדויס דיכטערישע געשטאַלט. דאָס געשטאַלט פון דעם העראָלד פון דער בלויער דיכטונג, דעם לעצטן געטרייען דאָן קיכאָט פון דולציניייען, דעם פּאַזש און וואַסאַל, וואָס האָט מיט דער עלעגאַנץ פון „אַן אַדלמאַן פון ריינסטן בלוט" און מיט דעם איראָניש־טראַגישן זשעסט פון א לעצטן, געטראָגן דעם שלעפּ פון דער מאַרקיזין (וועמעס גאָלדענע אויגן שטראַלן), וואָס פריער האָבן אים געטראָגן עלעף טויזנט וואַסאַלן".

און ניט נאָר דורך אזוינע לידער ווי „דאָס ליד פון דעם ווייסן ציגעלע", וואו די שיינקייט איז אזוי אויגנשיינלעך, אַז אפילו א בלינדער קען זי דערזען, וואו די פּאַסטאָראַלע בילדלעכקייט איז אזוי איידל־פּאַרביק ווי אויף אילומינירטע מאַנוסקריפּטן פון אַלטע ריטער־ראָמאַנסן, נאָר אויך אין די אַנדערע לידער, די כלומרשט פון דעם אַרבל ארויסגעשאָטענע, די לידער וואו לאַנדוי שלאָגט זיך אליין מיט חוזק איבער און שטעלט זיך ארויס די צונג, וועט מען דורך דעם שטעלן זיך „אין דער פּאָזע פון דעם דיכטער", וועט מען דורך לייע־נען ווי געהעריק די „נאָטן" פון לאַנדויס ליד אים דערזען אַזאַ ווי ער האָט זיך געוואָלט פאַר אונדז אויסמאָלן, אַזאַ ווי ער האָט זיך גע־וואָלט פאַר אונדז פאַרשטעלן, זאַ ווי ער האָט געוואָלט אין אונדזער געדעכעניש בלייבן, —— דערזען אים אין דער ראָל פון דעם:

Last and lingering troubadour to whom the bird has sung

(CHESTERTON)

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט לאַנדוי חוץ די צוויי לעצטע קאָמעדיעס, וואָס ער האָט אייגנטלעך בלויז פאַרענדיקט, אָנגעשריבן זייער ווייניק לידער. אָבער פון די עטלעכע לידער, עלע־גישע אין טאָן און כאַראַקטער, וואָס ער האָט יאָ אָנגעשריבן קען

מען זען, אַז לאַנדוי האָט געפּרואווט זיך ווידער אומקערן צו דער ערד, אַראָפּגיין פון דער בינע און זיך שטעלן מיט באָרוועסע פיס אויף דער נאַקעטער ערד:

איך בין דורך מיין וועלט געגאַנגען
מיט אַ געהער אָן אויסגעאיידלטן
און גאָרנישט זעענדיקע אויגן.
ערשט איינמאָל ניינצן זעקס און דרייסיק,
האָב איך א הייב געטאָן מיין בליק
און האָב פאַר זיך דערזען אזוינס
אַז מיינע ליפן האַלטן אַלץ אין מורמלען:
פאַראַנען ז אַ כ ן וואונדערלעכע, דינע,
דערזעסטו זיי ווערט לייכטער דיין געמיט.

און פון די לעצטע עטלעכע שורות, וואָס מען האָט געפונען נאָך לאַנדויס טויט, זעט מען אויך דעם פאַרלאַנג אָנצוהייבן א ניי ליד, דאָס מאָל אַ ליד ניט נאָר פון „וואונדערלעכע ווערטער", נאָר אויך „וואונדערלעכע זאַכן", אַ ליד פון ממשותדיקערע, פּלאַסטישערע ברייטערע ריטמען, אַ ליד פון מער רעאַליטעט; עלעגיש אין טאָן און סך הכלדיק אין דער פאַרטראַכטונג:

עס אָטעמט יעדער ווינקל פון דער ערד
מיט לעבעדיקן אָטעם: האַס און ליבע!
און ווי דער ים, אזוי האָט אויך די ערד
אַן אָפּפלוס און א צופלוס, ווי דער ים
באַוועגט זיך דער אויבערפלאַך פון אונדזער
באַלאָדענער
שווער־אָטעמדיקער ערד — — — — — — —

דאָס ליד אָבער „פון אונדזער באַלאָדענער שווער־אָטעמדיקער ערד" איז שוין לאַנדוין ניט באַשערט געווען צו פאַרענדיקן.

און לאַכן,
לאַכן,

איציק פעפער.

עס איז געשען . . .

עס איז געשען, אַז ער, וואָס האָט זיין ליד
פון זייענס, שינען, לאַמעדן,
געוועבט,
וואָס האָט מיט גאָלדפעדים און פערל אויף אַטלאַס און אויף סאַמעטן
געהעפט;
ער פון הויכן יחוס און פון טיפער עלעגאַנץ,
פּאָעט, עסטעט פאַר עקסעלאַנס,
איז מיד געוואָרן,
שטיל געוואָרן,
איז געשטאָרבן,
ווען מען האָט זיין יחוס־ליד פאַרדאָרבן.

און פאַרן טויט האָט ער אזוי געזאָגט:
— ס׳איז גאָרנישט ניט געשען: הירש לעקערט האָט געשאָסן
אין פאָן־וואָל,
און האָט דערשאָסן מיין בלויען נאָכטיגאַל.

איז שרייבן לידער שרייבט נישט מער שוין דער,
וואָס איז געווען פון הויכן יחוס און פון טיפער עלעגאַנץ,
פּאָעט, עסטעט פאַר עקסעלאַנס,
נאָר שניידער, שוסטער, פּראָסטע ברידער:
איזיס, איציקס, חנא׳ס
(די מיט די רויטע פאָנעס),
וואָס יאָגן זיך אויף פייערדיקע פערד,
צוימען ווינט און זייען שטורעם אויף דער ערד,
און לאַכן, לאַכן,
וואָס קען מען מיט דער חברה מאַכן;
ס׳האָט זייער הירש געשאָסן אין פאָל־וואָל,
און האָט דערשאָסן מיין בלויען נאָכטיגאַל.